STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04420

DER MISHPET

Jewish National Workers' Alliance

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

משפט

איבער די אידישע קאָמוניסטן און זייער הויפט-צייטונג

„די מאָרגן-פרייהייט“

ארויסגעגעבן פון:

ניו יארקער

שטאָט קאָמיטעט אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

189 סעקאָנד עוועניו, ניו יאָרק

אויסגאַבע נומ. 1

פרייז 10 סענט

◆ ◆ ◆

דער באריכט, וואס ענטהאלט איז זיך די רעדעס, וועלכע זיינען גע־האלטן געווארן ביים גרויסן פאלקס־משפט איבער דער „פרייהייט“, וועלכער איז פארגעקומען דעם 22טן סעפטעמבער אין ניו יארק, ווערט ארויסגעגעבן אויפן אויסדריקלאכן פארלאנג פון הונדערטער חברים און ארבעטער ארגאניזאציעס איבערן גאנצן לאנד.

דער משפט איבער דער „פרייהייט“ האט ארויסגערופן ביי פילע, וואס האבן נישט געהאט די מעגלאכקייט אנוועזנד צו זיין, דעם וואונש צו באקענען זיך מיט די וויכטיקע פאקטן, וועלכע זיינען דארט ארויסגעבראכט געווארן.

נעמענדיק אין אנבעטראכט דעם ערנסטן און וויכטיקן כאראקטער פון דעם מאטעריאל, וואס איז פארגעלייגט געווארן ביים דאזיקן פאלקס־משפט, האבן מיר געהאלטן פאר נויטיק צו באפרידיקן דעם אלגעמיינעם וואונש און ארויס־געבן די בראשורע.

זאלן די פאקטן, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארן אויפ'ן משפט איבער דער „פרייהייט“, ברייט באקאנט ווערן צווישן אידישע ארבעטער.

מיר דערוואַרטן, אז אלע אונזערע פריינט און חברים וועלן פאר־שפרייטן דאס דאזיקע ביכל צווישן די גאר ברייטע אידישע ארבעטער־קרייזן, העלפנדיק דערמיט נאענטער צו ברייננען טויזנטער ביז אהער גלייכגילטיקע אי־דישע ארבעטער צו אונזערע צילן און אידעאלן. זאלן די ארויסגעבראכטע פאקטן געפינען זייער אפקלאנג אין פאזיטיווע מעשים פארן אויפבוי פון ארבעטנדן ארץ־ישראל.

ניו־יארקער שטאט־קאמיטעט

פון אידיש נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד

א פולער סטענאגראפישער באריכט פונ'ם משפט אפגעהאלטן

זונטאג, דעם 22טן סעפטעמבער, 1929

אין סענטראל אפערא הויז, ניו יארק

א י י נ ט י י ל נ ע מ ע ר ס

פארזיצער: ה. עהרענרייך

פ ר ע ז י ד י ו ם:

פראפעסאר חיים פיינמאן — א. וואהלינער — נ. זווירין

א. וויען — פ. סיגאל

ע ד ו ת:

דר. א. מוקדוני — ש. ניגער — א. רעוואוצקי

אנקלעגער: חיים גרינבערג

פארטיידיגער: לייבוש לערער

דערעפנונג פון משפט

חבר בורשטיין דערעפנט די פאַרזאַמלונג אין דעם נאָמען פון ניו יאָרקער שטאָט-קאָמיטעט
פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבייטער פאַרבאַנד

חברים און פריינט: — מיר האָבן זיך דאָ היינט צוזאַמענגעקומען אויף דעם רוף פון ניו יאָרקער שטאָט קאָמיטעט פון אידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד. יעדער איינער היינט דאָ פאַרזאַמלט, טראָגט אויף זיך די אויפגאַבע צו דערפילן אַ געזעלשאַפטלאַכן חוב. מיר האָבן אייך גערופן צו זיין ריכטער. אייער אויפגאַבע איז אויסצוהערן די עדות און זיך איבערציינגן אין די פאַקטן, וועלכע וועלן היינט פאַר אייך געבראַכט ווערן וועגן דער קאָמוניסטישער סעקציע, דאָ אין אַמעריקע און איר צייטונג די „פרייהייט". איר דאַרפט אורטיילן צו זיי זיינען ווירקלאַך שולדיק אין די פאַרברעכנס אין וועלכע זיי ווערן אָנגעקלאָגט אין פאַרבינדונג מיט די לעצטע געשעענישן אין ארץ ישראל.

פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר האָבן די אידישע קאָמוניסטן זיך פאַרמאָסטן צו ווערן די וואָרטזאָגער אויף דער אידישער ארבעטער-גאַס. אַלע מיטלען זיינען געוואָרן כשר פאַר'ן ציל. מען האָט געבראַכן יוניאָנס, געוואָלט צושטערן די אידישע קינדער שולן, מען איז נאָכהער איבערגעגאַנגען צו דעם געביט פון די אידישע ארבעטער אָרדנס, וועלכע איבן אויס אַ גרויסן געזעלשאַפטלאַכן כוח צווישן די אידישע אַרבעטער מאַסן. און אויך דאָרטן האָט מען געוואָלט דורכפירן אַ פּאָליסי פון פאַרניכטונג. און יעצט — די לעצטע געשעהענישן אין ארץ ישראל, ווען ווילדע כוליגאַנישע אָנפאַלן פון אַראַבער זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם אידישן ישוב זיינען זיי ארויסגעקומען אין זייער טעגלאַכער פּרעסע מיט אויפרופן צו דער אידישער ארבעטערשאַפט צו העלפן די אַראַבישע באַנדעס אין זייער איבערפאַל אויף די אידישע ישובים אונטער דעם נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן יושר און אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט.

עס זיינען געווען מיינונגען צווישן אונזערע חברים: מען דאַרף זיי איגנאָרירן. מיר גלויבן אָבער נישט, אז מען קען דערלויבן אַזאַ הפקרות, און עפנטלאַך ניט זאָגן וועגן דעם אונזער וואָרט. 26 יאָר, ווי דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער געדאַנק איז פאָרמולירט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן פאַר דער אידישער ארבעטערשאַפט. אַ שווערער און עקשנות'דיקער קאַמף איז דאָן געשטאַנען פאַר די פירער פון דעם געדאַנק. נישט נאָר אין דער אויפקלערונגס ארבעט, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט פירן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער-סאָציאַליסטישער וועלט, נאָר אויך צווישן די געגנערישע פּאַרטייען אויף דער אידישער ארבעטער גאַס. מיר האָבן קיינמאָל ניט פאַרפעלט די געלעגנהייט צו געבן אונזערע געגנער אַן ענטפער אין צייט, ווען זיי האָבן דאָס פאַרדינט.

מיר, די מיטגלידער פון אידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד האָבן שטענדיג קלאָר און אָפן ענטוויקעלט אונזער פּראָגראַם פאַר די אידישע ארבעטער מאַסן, דאָ אין אַמעריקע. מיר זיינען אַן עקאָנאָמיש-קולטורעלע אָרגאַניזאַציע, און

די ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור און שפּראַך איז איינע פון אונזערע הייליקסטע אויפגאַבן. דער פאַרבאַנד איז פון די ערשטע און איבערגעגעבנסטע אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט צו העלפן דעם אויפבוי פון ארץ ישראל אויף אַרבעטער יסודות. — טריט ביי טריט נאָך יאָרן פון שווערער אַרבעט און אויפקלערונג איז אונז געלונגען צו צוברעכן די קעגנערשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט צו דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפירט אין ארץ ישראל. עס איז בלויז געבליבן אַ קליינער הייפל פון צושטערער, וואָס מאַסקירט זיך אונטער דעם נאָמען פון קאָמוניזם. אין זייער פאַרביסענער שנאה האָבן זיי זיך איצט פאַרבונדן מיט די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס. און מיר שטעלן זיי היינט צום משפּט. מיר האָבן גערופן וואָרטזאָגער און פירער פון דער אידישער קולטור און פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט צו באַשטעטיקן אונזער אָנקלאַגע. מיר זאָגן צו אייך, מיר זיינען גרייט פאַרצובריינגען אונזערע באַשולדיקונגען פאַר דער אידישער עפנטלאַכקייט און איר היינט, פאַרזאַמלטע אין טויזנטער, וועלן דאַרפן דעם אורטייל אַרויסגעבן.

אָן איבעריקע הקדמות וועל איך פאָרשטעלן דעם פאָרזיצער פון היינטיקן משפּט, חבר עהרענרייך.

דער פאָרזיצער — עהרענרייך

חשוב'ע פאַרזאַמלונג: —

מיר זיינען געקומען אַהער אויפ'ן רוף פון דעם ניו יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד וועגן זייער אַן ערנסטן ענין און צו דערפילן זייער אַ וויכטיקע געזעלשאַפטאַכע אויפגאַבע. איר, אַלע דאָ היינט פאַרזאַמלט, וועט צוזאַמענשטעלן אַ דזשורי צו פאַרטרעטן די עפנטלאַכע מיינונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג, ניט קיין שפּיל אין משפּטים, נאָר אַ משפּט איבער אַ גרופּע וואָס איז צווישן אונז, לעבט צווישן אונז און ווירקט צווישן אונז. און די גרופּע — די קאָמוניסטן און זייערע צייטונגען, ספּעציעל די „מאָרגן־פרייהייט", — ווערט אָנגעקלאָגט איז זייער שווערע פאַרברעכנס קעגן אידישן פאָלק, קעגן דער אידישער קולטור און אידישע אַרבעטערשאַפט. דער שטאָט קאָמיטעט פון פאַרבאַנד וואָס האָט צוזאַמענגערופן דעם משפּט קלאָגט אָן די קאָמוניסטן און זייער פּרעסע, אַז זיי האָבן אויף אַ מורא'דיקן אופן פאַרראַטן די אידישע אַרבעטער־מאַסן און האָבן זיך אין די לעצטע בלוטיקע פּאַסירונגען אין ארץ ישראל געשטעלט אויף דער זייט פון די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן זיך פאַרבונדן מיט די פינסטערע עלעמענטן פון די אַראַבער און די אונטערדריקער פון די אַראַבישע מאַסן, האָבן געהעצט צו ווייטערע פּאָגראָמען, זיך אידענטיפיצירט מיט די אַראַבישע פּאָגראָם־באַנדעס או' האָבן איבער דאָס אומשולדיקע פאַרגאָסן בלוט אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו די אַראַבישע כוליגאַנעס און האָבן געזוכט אין די אויגן פון דער וועלט צו לייגן די שולד פון די פּאָגראָמען אויף די אידן.

זיי, די קאָמוניסטן און זייער פּרעסע, ווערן אויך באַשולדיקט אין דעמאָראַליזירן די רייען פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן און פאַרוואַנדלען דעם קלאַסןקאַמף אין אַ בלוטיקן ברודער־קריג צווישן די אַרבעטער, באַנוצנדיק די געמיינסטע מעטאָדן פון ליגן און באַטרוג און אויסנוצנדיק די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער פאַר זייערע פּאַרטיי צוועקן.

זיי האָבן פאַרראַטן די אידישע קולטור, זיי האָבן פאַרשפּריים און פאַרשפּרייטן אסימילאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער, פאַרשמוצט און דערנידע־

ריקט דאס אידישע ווארט, דאס אידישע בוך, זיי האבן פאלסיפיצירט די פרעסע און אראפגעזונקען דעם קולטור־מצב פון די אידישע מאסן. זיי האבן פארשפרייט רכילות וועגן די ווארטזאגער פון דער אידישער קולטור און אידישע ארבעטער אינטעליגענץ. זיי האבן געבראכן שולן, גייסטיק פארגיפטעט קינדער און וואולגאריזירט אלץ וואס איז הייליק די אידישע ארבעטער־מאסן.

דאס איז א מורא'דיקע באשולדיקונג. איך צווייפל אויב ס'איז ווען עס איז געווען ביי וועלכן עס איז פאלק א פארטיי, וואס זי זאל אנגעקלאגט ווערן אין אזעלכע פארברעכנס. איינער פון די פארברעכנס איז דאך גענוג, אז אירגענד וועלכע גרופע מענשען ביי א פאלק זאל פאראורטיילט ווערן און עס זיינען פאראן לענדער וואו דער אורטייל וואלט געווען — טויט.

דער אורטייל דא וועט אבער ניט זיין וויניקער וויכטיק ווען ער וועט, נארטירלאך, זיין בלויז א מאראלישער. פאראן פאלן ווען מענטשן ווערן געטויטעט פיזיש און לעבן אויף גייסטיק און נאכ'ן טויט הויבן זיי ערשט א לעבן און ווירקן. פאראן אבער פאלן ווען א מאראליש פאר'משפט'ער ווערט טויט ביי זיין פיזישן לעבן. און אזא משפט קענט איר אויך ארויסטראגן. א משפט וואס וועט זיין בלויז א מאראלישער, אבער פאר אונז און אין די אויגן פון די אידישע מאסן קען עס ווערן א מאראלישער טויט־אורטייל. איר זאלט ניט שטימען פאר דער באשולדיקונג אויב איר וועט ניט זיין איבערצייגט אין דעם. שטימען זאל יעדער איינער פון אייך ווי ס'וועט אים דיקטירן זיין הארץ און געוויסן. און דער פאר הערט זיך זייער אויפמערקזאם צו צו די, וואס וועלן באלד ארויסגערופן ווערן אלס עדות, אלס עקספערטן. איר קענט זיי, זיי זיינען אונזערע קולטור שאפער, אונזערע ווארט־זאגער.

די אנקלאגע ווערט דא פארטראטן דורך איינעם וואס איז אייך און דער גאנצער אידישער קולטור־וועלט זייער גוט באקאנט. חבר חיים גרינבערג וועט זיין דער אנקלאגער. און די ניט דאנקבארע ארבעט פון פארטיידיקונג האט אויף זיך גענומען איינער וואס איז אונז אויך זייער גוט באקאנט, איינער פון אונזערע טיכטיקסטע ארבעטער אויפ'ן פעלד פון אידישער קולטור, דער פעדאגאג און פסיכאלאג, חבר לייבוש לערער. איך ווייס ניט אויף וואס זיין פארטיידיקונג וועט זיין געבויט, אבער איך שטעל זיך פאר, אז דאס וועט זיין א פסיכאלאגישע דערקלערונג פון האנדלונגען.

מיר עפענען איצט דעם משפט און דאס ערשטע ווארט גיב איך דער אנקלאגע. איך שטעל אייך פאר חבר חיים גרינבערג. (שטארקע אפלאדיסמענטן).

חיים גרינבערג

חשובע חברים !

עס דארף פארשטאנען ווערן פון אנפאנג אן, אז מיר משפט'ן דא קיינעם ניט פאר אנטי־ציוניזם. איך וואלט מיר קיינמאל ניט דערלויבט אנטייל צו נעמען אין א משפט איבער מענטשן, דערפאר וואס יענע טיילן ניט מיינע אנשויאונגען אדער גלויבן ניט אין דעם, אין וואס איך גלויב. קיינער טאר נישט גע'משפט ווערן פאר זיינע איבערצייגונגען, ווי פאלש אדער שעדלאך זיי זאלן ניט זיין, לויט אונזער מיינונג. און אויב איך נעם מיר דאס רעכט אויפצוטרעטן פאר אייך אלס „אנקלאגער", טו איך עס נאר דערפאר, וואס איך בין זיכער, אז מיר האבן דא צו טאן מיט א מאראלן פארברעכן, אז די אידישע קאמוניסטן אין אמעריקע האבן מיט א כיון פארדרייט פאקטן און געפרובט פאלסיפיצירן די עפנטלאכע מיינונג, אז צוליב ענגע פארטייאישע אינטערעסן האבן זיי אויף דעם ברוטאלסטן אופן ארויסגעוויזן פאראכטונג צו די בלוטיגסטע אינטערעסן פונ'ם אידישן פאלק און זיך אפיציעל געשטעלט אויף

דער זייט פון פּאָגראָמשטשיקעס. איך באַשולדיק ספּעציעל די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ אין קאָרופּציע און אין קנעכטישן דורכפירן „באַפעלן“ וואָס קומען פון דרויסן און „פון אויבן“.

לאָמיר נאָר זען, ווי אַזוי האָט די “מאָרגן־פרייהייט“ רעאַגירט אויף די געשעענישן אין ארץ־ישראל די ערשטע עטלאַכע טעג.

דעם 20טן אויגוסט שרייבט דאָרט אַלגין: „פּאָגראָמען אין ירושלים. אראַבער באַפאַלן אידן — אומזיסט אומנישט, וואַרפן שטיינער, שטעכן און פאַרוואונדן. טויזנטער אַראַבער וואַרפן זיך אויף אידן ביים כותל־מערבי, שלאָגן און צוטרייבן די דאַוונער. די פּאָליציי קומט אַלעמאָל צו שפּעט. מיר קענען דאָס בילד. אַזוינע אָנפאַלן זיינען נאָר מעגלאַך דאָרט, וואו די פּאָליציי קוקט דורך די פינגער. דער אמת איז, אז די פּאָליציי **דערלאָזט** די פּאָגראָמען אין ירושלים“.

צום אָנפאַנג איז קלאָר דער רעדאַקציע פון דער קאָמוניסטישער צייטונג, אז ס'איז אַן אָנפאַל פון אַראַבער אויף שוצלאָזע אידן, אז שולדיק אין דעם זיינען די ענגלענדער, און אז ס'וואָלט געווען א יושר, ווען די ענגלישע פּאָליציי נעמט זיך אָן די קריוודע פון פּאָגראָמירטע אידן.

דעם 22טן אויגוסט גייט די „מאָרגן־פרייהייט“ אזוי ווייט, אז זי באַשולדיקט אפילו די איבריקע אידישע פּרעסע אין גלייכגילטיקייט צו אידישע ליידן: „אָנפאַלן אויף אידן“, לייענען מיר אין אַן עדיטאָריעלן אַרטיקל פון יענעם טאָג, „דאַרפן באַקעמפט ווערן אומעטום. אָבער זיי ווערן ניט אונטערדריקט. פאַרקערט, די אַראַבישע מאַסע ווערט כסדר אונטערגעהעצט. **וואָס שווייגט די אידישע פּרעסע, א געזונט איר אין די ביינער?**... די אידישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע האָט איצט וועניגער רעכט ווי אַמאָל אונטער'ן טערקישן סולטאַן. יעדער ענגלישער באַאמטער טרעט מיט די פיס איבער אידישע רוקנס“.

אונזערע קאָמוניסטן, ווי איר זעט, זיינען נאָך דעמאָלט זייער גוט אינפאָרמירט, אז אידן זיינען דער געקריוודעטער טייל פון דער ארץ־ישראל־באַפעלקערונג, און אז עס קומט זיי דאָרטן א סך מער רעכט, וויפיל זיי פאַרמאָגן, נאָר די ענגלענדער ווילן דערפון ניט וויסן.

דערזעלבער מאָטיוו ווערט איבערגע'חזר'ט דעם 24טן אויגוסט, ווען די „מאָרגן־פרייהייט“ שרייט ווייטער אַמאָל געוואַלט, אז „אָפן און חוצפה'דיק שטייט די ענגלישע אדמיניסטראַציע מיט די **אַראַבישע פּריצים און פּאָליטישנס קעגן אידן**. ברוטאַל און גראָב טרעט זי מיט די פיס איבער די עלעמענטאַרע רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג“.— — — „ענגלאַנד דערלויבט שלאָגן אידן־דאַוונער ביים כותל־מערבי, דערלויבט רייסן ספרי־תורות און טליתים, **פּונקט ווי עס האָבן געטאָן די פּעטליוראַס און באַלאַכאָוויטשעס אין בירגער־קריג אין רוסלאַנד**“. „די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג“, לייענען מיר ווייטער, „איז געפירט פון די פּריצים, פון די מולאָס און בורזשואַזער אינטעליגענץ, און ענגלאַנד האָפּט זיי אָפּצוקויפן מיט הנחות — פון געלט ביז שטיקלאַך זעלבסטפאַרוואַלטונג, ביז העצן זיי קעגן אידן“.

ווייטער אַמאָל ווערן באַשולדיקט די רעאַקציאָנערע אַראַבער פון איין זייט און די רשעות'דיקע פּאָליטיק פון ענגלאַנד, פון דער אַנדערער זייט, די **סימפּאַטיען** בלייבן נאָך אַלץ אויף דעם אידישן צד.

דעם 26טן אויגוסט האָט נאָך די „מאָרגן־פרייהייט“ טענות צו דער ענגלישער רעגירונג, פאַרוואָס זי נעמט ניט אָן קיין שטרענגע מיליטערישע מיט־

לען קעגן די אַראַבער: „יעדער מענטש וואָס איז נאָר ביים זינען וועט פאַרשטיין, אַז אַראַבער קענען ניט בושעווען פיר טעג נאָכאַנאַנד אָן דער גוטהייסונג פון דער רעגירונג. די ענגלישע אימפּעריאַליסטן פאַרמאָגן גענוג סאָלדאַטן, מאַשין־ביקסן, האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען. ווען די רעגירונג וויל נאָר, ספּראַוועט זי זיך איינס־צוויי מיט די פּאָגראָמשטשיקעס".

דעמזעלבן טאָג דריקט די „מאָרגן־פרייהייט" אויס אַפילו אַ געוויסע צופרידענקייט, וואָס די אידן ווייזן אַרויס אין ארץ־ישראל אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד: „די לעצטע טעלעגראַמען מעלדן, אַז די צאָל אַראַבישע קרבנות איז געוואָרן גרעסער ווי די אידישע. דאָס מיינט, אַז די ציוניסטישע יוגנט האָט געגעבן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד די אַראַבישע אָנפאַלער. ווען אַ פּאָגראָם ברעכט אויס, איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ".

במשך פון אַ גאַנצער וואָך איז, ווי מ'קאָן זען פון די אַלע ציטאַטן, כמעט ניט געווען קיין אונטערשייד אין תוך צווישן דער שטעלונג פון דער „פרייהייט" און דער שטעלונג פון דער גאַנצער איבריקער אידישער פּרעסע. די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט שוין אין יענע טעג אויסגעדריקט די אַלגעמיינע פאַרביטערונג קעגן דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל און קעגן דער זייער פאַרדעכטיקער פּאַסיוויטעט פון דער לאָנדאָנער רעגירונג. די „מאָרגן־פרייהייט" האָט אפשר שטאַרקער באַטאָנט איר „אַנגלאָפאָביע", ווי אַנדערע צייטונגען, אָבער אין גרונט האָט זי אויסגעדרוקט די אַלגעמיינע, אַזוי צו זאָגן, „כל ישראל־שטימונג".

דעם 28טן אויגוסט בייט זיך פּלוצים דער גאַנצער טאָן פון דער קאָמוניסטישער צייטונג. די אידן אין ארץ־ישראל, וואָס זיינען ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טאָג געווען, לויט איר מיינונג, רעכטלאָזער ווי אונטער דעם טערקישן סולטאַן, ווערן פאַרוואַנדלט אין „גרויזאַמע אימפּעריאַליסטן" (ווי אַזוי רעכטלאָזע מענטשן קאָנען זיין אימפּעריאַליסטן, האָט, וואַרשיינלאַך, צו טאָן מיט קאָמוניסטישע „סתרי־תורה"), די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן נאָך דעם 26טן געדאַרפט על פּי יושר אונטערדריקט ווערן, לויט דעם „מאָרגן־פרייהייט'ס וואונש, „מיט מאַשין ביקסן און האַרמאַטן", זיינען מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „פרייהייטס־קעמפער" און „רעוואָלוציאָנערן".

„אַפילו פאַר קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען", לייענען מיר אין אַן עדיטאָריעל פון יענעם טאָג, „איז שוין שווער צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז אין פּאַלעסטינע קומט פאָר אַ רעוואָלט פון די אונטערדריקטע אַראַבישע מאַסן קעגן דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט". דעמזעלבן טאָג קומט אַרויס מלך עפּשטיין מיט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַרעכטיקט די אַראַבישע ברוטאַליטעטן קעגן אידן, ווייל „ניט אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער, נאָר זיי אויסקאָנקורירן דורך נאָך ביליגערע אַרבייט — דאָס איז געווען דער אידעאַל פון די אַלערליי הסתדרות'ניקעס און פּועלי־ציוניקעס". דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, קומט שוין פאָר די טרויעריגע באַרימטע פאַרזאַמלונג פון די קאָמוניסטן, אויף וועלכער עס ווערט באַשלאָסן צו באַגריסן די זעלבע אַראַבער, וואָס זיינען ביז יענעם טאָג, געווען אויך פאַר די קאָמוניסטן „אויפגעהעצטע פּאָגראָמשטשיקעס", און דעם 29טן אויגוסט דערקלערט אָלגין, אַז „די אידען (ניט אַפילו די אידישע בורזשואַזיע, נאָר סתם־אידן) האָבן עקספּלואַטירט די אָרטיקע אַראַבישע באַפעלקערונג אויף אַן אומ־ברחמנות'דיקן אופן", און די אַראַבער, דאַרף עס הייסן, זיינען פולשטענדיק גערעכט, אויב זיי רעכענען זיך איצט אָפּ מיט זייערע עקספּלואַטאַטאָרן לויט דעם נוסח חברון. צווישן אָלגין און עפּשטיין, וואָס זיינען ביידע סאָלידאַריש אין

דער נייער אָריענטאַציע אויף דעם אַראַבישן רעוואָלוציאָנער, איז פאַראַן דענסמאָל נאָר אין „קליינינקע" מיינונגס־פאַרשידנהייט: עפשטיין ווייסט אויף זיכער, אַז אידן זיינען געקומען אויסקאָנקורירן די אַראַבער „ד ו ר ך נ אָ ך ב י ל י ג ע ר ע ר א ר ב י י ט", און אָלגין ווייסט, ניט ווייניקער זיכער, אַז „די אידישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע — באַלעבאַטישע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען — וואָלטן ניט געקענט עקזיסטירן אָן דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט", און אַז אידישע אַרבעטער האָט מען בכלל ניט געוואָלט צונעמען, „ווייל אַראַבישע אַרבעט איז ביליקער". ווי אַזוי אידישע אַרבעטער, וואָס קריגן ניט קיין אַרבעט צוליב זייערע העכערע פאָדערונגען, קענען אויסקאָנקורירן אַראַבער מיט זייערע נידעריקע באַדערפענישן, בלייבט ווייטער אַמאָל דער סוד פון די קאָמוניסטישע עקאָנאָמיסטן.

מיט וואָס קאָן מען ערקלערן די דאָזיקע פּלוצלימדיקע ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט"? אָלגין גיט אויף דעם אַ קורצן ענטפער (אין דעם נומער פון 29טן אויגוסט): „די „פרייהייט" האָט אין די ערשטע פּאָר טעג ניט איינגעזען דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דעם אַראַבישן אויפשטאַנד — דאָס איז געווען אַ טעות. זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם אידישן זעלבסטשוץ ווי אויף אַ פּראָגרעסיווער נויטווענדיקייט — און דאָס איז אויך געווען אַ טעות". אָלגין שלאָגט זיך עפנטלאַך על חטא פאַר דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט, ווייל אויב „רעוואָלוציאָנערן" מאָרדן אַלטע אידן און קינדער, וואָלט דער אידישער זעלבסטשוץ געדאַרפט מאַכן אַ שהחיינו אַנשטאָט זיך נעמען צו געווער. אָבער פון וואַנען האָבן זיך פּלוצים אונזערע קאָמוניסטן דערוואוסט, אַז ס'איז ניט קיין פּאָגראָם, נאָר אַ רעוואָלוציע? וואָס פאַר אַ נייע, ספּעציעלע אינפאָרמאַציע האָבן זיי באַקומען צווישן דעם 26טן און 28טן אויגוסט, וועלכע וואָלט געקאָנט אוועקשטעלן די ארץ־ישראל־געשעענישן אין אַ ניי ליכט? האָבן זיי באַקומען ידיעות, אַז די „נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון פריצים, מולאָס און בורזשואזער אינטעליגענץ" איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע, בעסערע הענט? פאַרוואָס־זשע האָבן זיי אַזעלכע וויכטיקע ידיעות ניט אָפּגעדרוקט אין זייער צייטונג? אָדער קאָנען טאַקע פריצים, גלחים און בורזשואזע אינטעליגענץ זיין אמת'ע רעוואָלוציאָנערן, וואָס דאַרפן באַגריסט ווערן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? אומזיסט וועלן מיר זוכן אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן. אָביעקטיוו האָט זיך גאָרניט געענדערט אויף דעם בלוטיקן ארץ־ישראל־פראָנט, די ענדערונג איז פאָרגעקומען ניט אין ירושלים, נאָר טאַקע דאָ אין ניו יאָרק, וואו די פּאָליטישע ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט זיך אויסגעבייזערט אויף א י ר ע „פענקנעכט" פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און ג ע ה י י ס ן זיי האָבן אַן אַנדער מיינונג. דעם 31טן אויגוסט לייענען מיר אין דער „מאָרגן־פרייהייט" די רעזאָלוציע פון דער פּאָליטישער ביוראָ, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דער פריהערדיגער שטאַנדפּונקט פון דער צייטונג וועגן די געשעענישן אין ארץ־ישראל „איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער ציוניסטישער שטאַנדפּוקט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פאַר דער בורזשואַזיע".

איר זעט אלע ווי אזוי די רעדל־פירער פון דער אידישער קאָמוניסטישער סעקציע האָבן רעאַגירט אויף דער דאָזיקער „נזיפה". עס געפעלט אייך ניט אונזער שטאַנדפּונקט? איז ניט! מיר זיינען מוכן ומזומן אָנצונעמען אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. איר ווילט, אַז אַ פּאָגראָם זאָל הייסן אַ רעוואָלוציע? פאַרוואָס ניט? מיר קאָנען דאָס אויך, מיר וועלן עס שוין „פיקסן" אַזוי, אַז די „נאַטשאַלסטוואָ" פון דער פּאָליטישער ביוראָ זאָל זיין צופרידן.

און די אידישע קאָמוניסטן האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעהויבן „פיקסן“: „ענגלישע סאָלדאַטן און ציוניסטישע לעגיאָנערן אין פּאַלעסטינע טעראָריזירן די אַראַבישע פּויערים־באַפעלקערונג“ — געפעלט אייך? אָט דאָס האָט איר געמיינט, יאַסנאָ־וועלמאָזשנע פּאַנעם פון דער פּאָליטישער ביורא? מיר קאָנען נאָך בעסער. לייענט נאָר אַ טעלעגראַמע, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס צוליב עקאָנאָמיע פון קאָמוניסטישן גראָשן אַליין אָנגעשריבן אויף יוניאָן־סקווער: „דער אידישער זעלבסטשוץ פירט אָן אַ קאָמפּאַני פון טעראָר קעגן אַלע אַראַבישע דערפער, וועלכע ווילן זיך ניט אונטערגעבן צו (?) זייער הערשאַפט“ („מאָרגן־פרייהייט“ פון 31טן אויגוסט). דער משגיח אויף כשרות פונ׳ם פּאָליטישן ביוראָ פּאַטשט בראַוואָ — אָט דאָס האָט ער געמיינט — און די זשורנאַליסטישע עבדי עבדים פונ׳ם קאָמוניסטישן קלייזל גייען אריין אין אַ „עקסטאַז“ פון אונטערטעניקייטס־געפילן און ווייזן אַלץ מער און מער אַרויס וואָס זיי קאָנען: „דער ציוניסטישער נאַציאָנאַל־ראַט פון פּאַלעסטינע האָט היינט געראַטן דעם אידישן זעלבסטשוץ, אז זיי (?) זאָלן ווייטער ווערן אביסל ווייכער צו די אַראַבער און אָפּשוואַכן זייער טעראָר, כדי צו באַרוהיקן די אַראַבער, וועלכע זיינען איצט שוצלאָז“. אַזאַ „טעלעגראַמע“ איז געדרוקט געוואָרן אין דער „פרייהייט“ דעם 31טן אויגוסט, דאָס הייסט גראַד אין יענער צייט, ווען די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט, אז די אידישע זעלבסטשוץ קאָן ניט פאָרטזעצן ווי געהעריק די העראָאישע רעטונגס־אַרבעט, ווייל די ענגלענדער נעמען ביי אים צו דאָס לעצטע געווער...

איך וועל אייך מער ניט מטריח זיין מיט ציטאַטן פון דער „פרייהייט“. איר ווייסט אַלע, וואָס פאַר אַ וואַקכאַנאַליע עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן נאָך דעם באַפעל פון אויבן, איר ווייסט אַלע דעם שדים־טאַנץ וואָס גייט דאָרט אָן שוין עטלאַכע וואָכן אונטער דער רעזשי פונ׳ם קאָמיסאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל פירט אָן זיין „רעוואָלוציאָנערע“ פּאָליטיק אין די אָריענטאַלישע לענדער. אין תוך האָט די דאָזיקע פּאָליטיק זייער ווייניק צו טאָן מיט פּרינציפּן פון קאָמוניזם אָדער רעוואָלוציע. עס אז די אַלטע רוסיש־צאַריסטישע פּאָליטיק אין אזיען, דער אַלטער קאַמף מיט ענגלאַנד פאַר דער פּאָליטישער העגעמאָניע אין דער אזיאַטישער וועלט. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז שוין יאָרן־לאַנג אַ געהאָרכזאַמער אינסטרומענט אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע פּילט זיך פאַראינטערעסירט אין שעדיקן ענגלישע אינטערעסן אומעטום, וואו זי קאָן עס נאָר, אַלץ איינס וואָס פאַר אַ מיטלען עס מוזן אָנגעווענדט ווערן צוליב דעם. דער „רויטער אימפּעריאַליזם“ פון דער סאָוועטישער רעגירונג איז אין דער הינזיכט ניט בעסער און ניט מער איבערקלייבעריש, ווי דער אימפּעריאַליזם פון קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. ער איז שטענדיק גרייט אַרויסצורופן, פּראָוואָצירן מיט די ביליגסטע מיטלען בלוטיקע געשעענישן אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער, כדי צו זיין אין דער לאַגע זיך אריינצומישן און אַרויפלייגן זיין הערשער־האַנט אויף אָפּגעשוואַכטע פעלקער. יעדער בלוטבאָד אין אזיען — אַלץ איינס אונטער וואָס פאַר אַ לאָזונג און צוליב וואָס פאַר אַ ציל זי קומט דאָרטן פאָר — איז אַ ריינער געווינס פאַר דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון מאָסקווע. אויב מ׳דאַרף צוליב דעם שטיצן אַ פאַשיסטישן דיקטאַטאָר אין טערקיי — איז דאָס אויך כשר; אז מ׳דאַרף זיך צוליב דעם פאַראייניקן מיט פאַנאַטישע נאַציאָנאַליסטן אין כינע — איז דאָס אויך ניט שלעכט; אויסנוצן איסלאַמישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם קעגן קריסטענטום — איז אויך סחורה, פּעדאָלע דעספּאָטן אין ארץ־ישראל — פאַרוואָס ניט? אבי ענגלאַנד זאָל דערפון אביסל ליידן, אבי אויף דאַונינג־סטריט זאָל מען האָבן

כאַטש איין שלאָפלאָזע נאַכט. עס איז מיר אַ חידוש אויף די אידישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע, וואָס זיי האָבן לכתחילה פאַרלוירן דעם קאָפּ, פאַרגעסן (אָדער אפשר ניט געוואוסט), וואָס פאַר אַ אינטערעסן די „סאָציאַלע רעוואָלוציע“ האָט אין די מזרח לענדער.

אָבער דער „טעות“ פון די אידישע קאָמוניסטן איז „פאַרריכט“ געוואָרן און מיר קאָנען זיי איצט גראַטולירן מיט זייערע אַלט־נייע שותפים אין ארץ־ישראל. ווייסט איר, וועלכע „פּראָלעטאַריער“ עס שטייען אין דער שפּיץ פון יענער אַראַבישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע זיי האָבן אַזוי „ברידערלאַך“ באַגריסט? די חוסיין־משפּחה פון ירושלים, וואָס פאַרמאָגט ביז היינטיקן טאָג פופציק טויזנט דונאָם לאַנד, די אבד־אל־האַדי־משפּחה פון שכם, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ „קלייניקייט“ ווי זעכציק טויזנט דונאָם לאַנד, דער הויפּט־מופטי פון דער מאַכמעדאַנישער קירכע אין ירושלים און אַ פּאָר רעדאַקטאָרן פון אַראַבישע צייטונגען, וואָס וואָלטן אין סאָוועט־רוסלאַנד שוין לאַנג פאַרפוילט געוואָרן אין טורמע פאַר העצן קעגן אַרבעטער און באַקעמפן אַרבעטער־אינטערעסן. שטעלט אייך פאָר, וואָס ס'וואָלט געווען, ווען אימיצער דערציילט אונז פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער קרופּענסקי־משפּחה, פון פורישקעוויטש'ן, פון פּאָביעדאָנאָסצעוו (פון הייליקן סינאָד) און פון דער „נאָוואָיע־וורעמיא“־סואוואָרין, — אָדער פון אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם „קו־קוקס־קלען“ און „אַמעריקאַן לידזשאַן“?

אָט מיט וואָס פאַר אַראַבישע עלעמענטן זיי האָבן זיך ערקלערט סאָלידאַריש. די אַראַבישע פעאָדאַלן האָבן געפונען נאָך מער „לייטזעליקייט“ אין די אויגן פון אונזערע קאָמוניסטן, זינט זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון איינפירן אין ארץ־ישראל אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים. פון ווען אָן קאָמוניסטן זיינען עס געוואָרן אַזעלכע הייסע חסידים פון פּאַרלאַמענטאַריזם — איז ווייטער אַמאָל אַ סוד. שוין 12—13 יאָר, אַז קאָמוניסטן האַלטן אין איין אויפדעקן דעם „שווינדל פון פּאַרלאַמענטאַריזם“ און וואַרפן שמוץ אויף די פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס פון גאָר דער וועלט. אַ פּאַרלאַמענט בכלל איז טריף, אָבער אַ פּאַרלאַמענט אין ארץ־ישראל איז כשר, ווייל... ווייל די ענגלישע רעגירונג איז ניט זייער געניגט נאָכצוגעבן די דאָזיקע פאָדערונג און ווייל דורכדעם קאָן געשאַפן ווערן נייער „טראָבל“ אין ענגלישער פּאָליטיק. אינטערעסאַנט איז אָבער צו זען, ווי אַזוי די אַראַבישע שייכן שטעלן זיך פאָר זייער „פּאַרלאַמענט“. אין אַ מעמאָראַנדום, וואָס זיי האָבן מיט אַ צייט צוריק צוגעשטעלט צום פעלקערבונד, שטעלן זיי אַרויס פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע פאָדערונגען: ערשטנס, זאָל וואַל־רעכט געגעבן ווערן נאָר דער אַראַביש־שפּרעכנדער באַפעלקערונג; צווייטנס, העברעאיש זאָל ניט באַטראַכט ווערן אַלס איינע פון די לעגאַלע שפּראַכן אין לאַנד (קיינער, גלויב איך, וועט ניט חושד זיין די חוסיין־משפּחה, אַז זי איז קעגן העברעאיש דערפאַר, וואָס זי איז „אידישיסטיש“ געשטימט), און דריטנס, די מלוכה זאָל באַשעפטיקן אַלס באַאַמטע און אַרבעטער בלויז מאַכמעדאַנער און קריסטן. אָט דאָס איז אַ טייל פון יענעם „פּראָגרעסיוון“ און „רעוואָלוציאָנערן“ אינהאַלט, וואָס די אַראַבישע רעדל־פירער טראָגן אַריין אין זייער באַגריף פון פּאַרלאַמענטאַריזם, און דאָס ווערט גע'כשר'ט פון אונזערע קאָמוניסטן, פאַר וועלכע די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז צו רעאַקציאָנער. נאָך פּיקאַנטער איז די פאָדערונג, מיט וועלכער דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט זיך אַ פּאָר מאָל געווענדט צום פעלקער־בונד: די אידישע עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל דאַרף, לויט זייער מיינונג, פאַרבאָטן ווערן, ווייל אידן ברענגען מיט זיך מיט באָלשעוויס־

ט י ש ע א י ד ע ע ן, וואָס זיינען אַ געפאַר פאַר דער אָרדנונג און וואויל-
זיין פונ'ם לאַנד...

איך האָב אייך געגעבן אַ פּאָר שטריכן, וואָס זיינען איבער גענוג כדי צו
שאַפן זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן דער פיזאָנאָמיע פון יענע אראַבישע פּאָליטיקער,
מיט וועלכע אונזערע קאָמוניסטן ווילן טרינקען „ברודערשאַפט". איך וויל נאָך
ברייגגען איין כאַראַקטעריסטישן פאַקט: בשעת די וואַלן אין די מוניציפּאַלי-
טעטן האָבן די אַראַבער דורכגעפירט אין 22 פונקטן 144 זייערע רעפרעזענטאַנטן
און צווישן זיי איז ניט פאַראַן קיין איין און איינציקער ארבעטער, אויך נישט
אזעלכער, וועלכער זאָל זיך האָבן פאַרפליכטעט פאַר וועמען עס איז צו שטיצן
אין די שטאָט-פאַרוואַלטונגען אַראַבישע אַרבעטער-אינטערעסן. דאָס איז פּאָר-
געקומען אומגעפער אין יענער צייט, ווען די שטאָט-פאַרוואַלטונג פון דער אי-
דישער תל-אביב איז איבערגעגאַנגען אין אַרבעטער-הענט און אַלס מעיאָר פון
דער שטאָט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ סאָציאַליסט. מ'קאָן זיך לויט דעם
פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פּנים עס וואָלט געהאַט אין ארץ-ישראל דער פּאַרלאַ-
מענט, ווען ער פאַלט אריין אין דיזעלבע הענט, און ווי וויכטיק פאַר סאָציאַ-
ליזם, פאַר קאָמוניזם און פאַר דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע" עס זיינען יענע
פּאָגראָם-עלעמענטן, מיט וועלכע אונזערע קאָמוניסטן ווילן מאַכן „יד אחת".

און אז מיר האַלטן שוין ביי ארבעטער-אינטערעסן, וואָלט איך געוואָלט
פון דער טריבונע אָנווייזן אויף די בייזוויליק-אויסגעטראַכטע שקרים און
בלבולים, וואָס די קאָמוניסטן פאַרשפּרייטן וועגן דער ראָלע פון דער העראַ-
אישער אידישער ארבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל. לויט דער „פרייהייט" קומט
אויס, אז די אידישע אַרבעטער, וואָס קומען מערסטנטייל פון אייראָפּעאישע
לענדער מיט אַן אומפאַרגלייכלאַך העכערער ווירטשאַפטלאַכער קולטור, ווי די
וואָס זיי טרעפן אָן אין ארץ-ישראל, מאַכן נידריקער דעם לעבנס-סטאַנדאַרד פון
דעם אַראַבישן אַרבעטער, מאַכן דעם ארבעטס-לוין נאָך ביליקער, ווי ער איז
געוועזן פריער. ווער אויף דער וועלט וועט זיי גלויבן, אז אייראָפּעאישע אידן
מיט זייערע בערך הויכע סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדערפענישן זיינען א י מ-
ש ט א נ ד, אַפילו זיי זאָלן עס וועלן, אויסקאָנקורירן אַרבעט ביים אַראַבישן
אַרבעטער מיט זיינע כמעט פרימיטיווע באַדערפענישן, מיט זיין לעבנס-סטאַנ-
דאַר, וועלכע האָט זיך כמעט ניט געענדערט פון מאַהאָמעדס צייטן אָן? ביליקע
אראַבישע אַרבעט איז דער ה ו י פ ט - א ו מ ג ל י ק פון דער אידישער אַר-
בעטערשאַפט אין ארץ-ישראל, די הויפּט-שטערונג אויף דעם וועג פון איר
וואוקס און אנטוויקלונג. העכער צוואַנציק יאָר, אז מיר פירן אָן אין לאַנד אַן
עקשנות'דיקן קאַמף פאַר אַ העכערן ארבעטס-לוין, ווייל אָן דעם איז כמעט
אוממעגלאַך פאַר דעם אידישן ארבעטער צו עקזיסטירן. פאַרוואָס האָט די
רעגירונג יאָרן-לאַנג געשטרעבט אויסצומיידן אידישע אַרבעט? ווייל אַראַבישע
איז אַ סך ביליקער. פאַרוואָס האָבן רייכע אידישע קאָלאָניסטן ניט געוואָלט
געבן אידן קיין אַרבעט? ווייל אידן פאָדערן „צופיל", „צו טייער". וואָס איז
דער גאַנצער זין פון דעם אזוי-גערופענעם „כבוש העבודה" (ערָאָבערונג פון אַר-
בעט)? איינפירן אַזעלכע לוין-באַדינגונגען, אַז ס'זאָל זיך לוינען אָנצושטעלן
אויך אידישע אַרבעטער. העכער צוויי צענדליק יאָר, זינט מיר פירן אָן אַ
בלוטיקן קאַמף פאַר אַ העכערן לעבנס-סטאַנדאַרד אין אַ עקאָנאָמיש און קול-
טורעל אָפּגעשטאַנענער סביבה, און אויב דער אַראַבישער דאָרף-ארבעטער באַ-
קומט נאָך אין דורכשניט צווישן 10 און 15 גרוש און דער אַראַבישער שטאָ-
טישער אַרבעטער צווישן 14 און 17 גרוש פאַר אַן ארבעטס-טאָג פון 12 ביז
14 שטונדן, בשעת דער ניט-אָרגאַניזירטער (אָריענטאַלישער) אידישער ארבע-
טער באַקומט צווישן 15 און 20 גרוש, און דער אָרגאַניזירטער (אייראָפּעאי-

שער) אידישער אַרבעטער, צווישן 17 און 35 גרוש פּאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַר־בעטס־טאָג, איז קלאָר פאַר יעדן, וואָס וויל וויסן דעם אמת, אַז דער אידישער אַרבעטער איז פאַראינטערעסירט וואָס מער אויפצוהויבן דעם לעבנס־סטאַנ־דאַרד פונ׳ם אַראַבער, און אַז טויזנטער אומוויסנדע אַראַבישע אַרבעטער קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס „סטרייק־ברעכער“ און „סקעבס“.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז ווען די „פרייהייט“ האָט געוואָלט געבן אירע לעזער אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון דער אידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט זי אָנגעוויזן בלויז אויף בעל־הבית׳ישע קאַפּי־טאַליסטישעווירטשאַפטן, וועלכע עקספּלואַטירן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער־הענט. אַזאַ כאַראַקטעריסטיק צילט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז אידן שיקן קיין ארץ ישראל בלויז גרויס־פּלאַנטאַטאָרס, וואָס נוצן אויס דעם פאַרשקלאַפטן אַראַבער אויף דעם אופן, אויף וועלכן אַמאָליקע אַמעריקאַנער פּלאַנטאַטאָרס האָבן ברוטאַל אויסגענוצט די „שוואַרצע“. מיט קיין איינציקן וואָרט איז דער־ביי ניט דערמאָנט געוואָרן די עקזיסטענץ פונ׳ם נאַציאָנאַל־פאָנד, אין דעם רשות פון וועלכן עס זיינען די לעצטע יאָרן איבערגעגאַנגען גרויסע שטחים ערד אַלס אַבסאָלוט נאַציאָנאַלעם אייגנטום. די נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך ביז היינטיקן טאָג מער אַ פּרינציפּיע־לער פונקט אין דער קאָנסטיטוציע, איידער אַ ווירקלאַכער פאַקט, ווייל אויב עס איז דערלויבט די פּויערים צו פאַרדינגען זייער ערד צו פּריוואַטע אונטערנע־מער אויף לאַנגע טערמינען (און דאָס ווערט דאָך פאַקטיש פּראַקטיק׳רט כמעט אין אַלע געגנדן פון צענטראַל־רוסלאַנד), ווערט דאָך ממילא צוגעגרייט דער באָדן פאַר דעם אויפלעבן פון פּריוואַטן אייגנטום אויף ערד; אין דער זעלבער צייט איז יעדן באַקאַנט, אַז במשך פון העכער 25 יאָר, זינט עס עקזיסטירט דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד, איז קיין איין דונאַם פון זיין באָדן ניט אויס־גענוצט געוואָרן פאַר קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע־צוועקן.

די פירער פון די קאָמוניסטן ווייסן גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע אַרבעט עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין ארץ ישראל די לעצטע 15־20 יאָר אויף דעם געביט פון סאָציאַלע עקספּערימענטן; זיי ווייסן, וויפיל ענערגיע עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די „קבוצות“ אַלס מוסטערס פון אמת־קאָמונים־טישער פּראָדוקציע און סאָציאַליסטישן זיך־צוזאַמענלעבן; זיי ווייסן, וואָס פאַר אַ גרויסן דערפאָלג עס האָבן די לעצטע יאָרן דערגרייכט די „מושבי־עובדים“, די אַרבעטער קאָלאָניעס, וואָס זיינען לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַלס אַגרי־קולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון אויף דעם באָדן פון נאַציאָנאַל פאָנד; זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז פיל פון דעם, וואָס ס׳האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבן דורכ־צופירן דער סאָוועטישער רעגירונג אין אירע „קאָלכאָזן“ און סאָווכאָזן“, אין איר שטרעבן אַריינצופירן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיוויזם אָדער קאָאָפּעראַציע אין רוסישן דאָרף, איז דערגרייכט געוואָרן אין דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל; עס איז פאַר זיי אויך ניט קיין סוד (ווייל די באַריכטן וועגן דעם ארץ ישראל בודזשעט ווערן געדרוקט יעדן יאָר אין דער פּרעסע), אַז די לעצטע צען יאָר איז כמעט דער גאַנצער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציאָנס־בודזשעט אויסגעגעבן געוואָרן בלויז אויף אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט גאָרניט צו טאָן מיט „בעל־הבת׳יש־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטן“. דאָס אַלעס איז זיי גוט באַקאַנט, זייער אָנהייגער אָבער, זייערע לעזער, זייער מאַסע דאַרף דערפון גאָרנישט ניט וויסן. די מאַסע דאַרף וויסן, אַז אידישע אַרבעטער מאַכן נידריקער דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון אַראַבער; אַז די גאַנצע אידישע ווירט־שאַפט אין ארץ ישראל איז אויפגעבויט אויף עקספּלואַטאַציע, און אַז.... מען דאַרף באַקעמפן דעם אידישן אימפּעריאַליזם....

אידישער אימפּעריאַליזם! די קאָמוניסטישע פירער באַטראַכטן, ווייזט אויס, זייערע אָנהייננגער פאַר אַבסאָלוטע אידיאָטן, וואָס מ׳קאָן זיי איינריידן אַלץ אויף דער וועלט, ווייל וואָלטן זיי געהאַט אַביסל מער דרך־ארץ פאַר זייער אייגענער מאַסע, וואָלטן זיי ניט ריזיקירט אַרויסצולאָזן אַזעלכע לאָזונגען, וואָס יעדער בר־דעת פאַרשטייט, אַז זיי האָבן לחלוטין קיין אינהאַלט ניט. וואָס הייסט אימפּעריאַליזם? אימפּעריאַליזם איז אַ נאַציאָנאַל־עגאָאיסטישע שטרעבונג פון אַ שטאַרק פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויס לאַנד און אַ מעכטיקע מלוכה, אויסצוברייטערן די ספערע פון זיין הערשאַפט אויף אַנדערע און פרעמדע לענדער. אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן א מלוכה, אָן אַן ארמיי און אָן אַ פלאָט, קאָן פונקט אַזוי זיין אימפּעריאַליסטיש, ווי, לאָמיר זאָגן, אַ פּראָלעטאַריער קאָן זיין אַ עקספּלואַטאַטאָר. „אידישער איפּעריאַליזם“ האָט אומגעפער די זעלבע באַדייטונג, ווי, למשל, קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלן אין די הענט פון אַרבעטסלאָזע. אפשר ווייסן די קאָמוניסטן, וואו אויף דעם ערד־קוגל געפינט זיך די אידישע אימפּעריע, וואָס וויל אויסשפּרייטן איר ממשלה אויף ארץ ישראל. מיר ווייסן, אַז דערווייל איז פאַראַן אַן אַראַבישער אימפּעריאַליזם, ריכטיקער געזאָגט, אַן אַראַבישער ענגהאַרציקער שאָוויניזם, אַ אויסגעשפּראָכענער און בלינדער נאַציאָנאַלער עגאָאיזם פון באַשטימטע אַראַבישע קרייזן.

די אַראַבער האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער אַן אומגעהייער גרויסן שטח, וואָס ניט זיי זיינען פעהיג אים צו קולטיווירן אין א גענוגנדער מאָס, ניט זיי זיינען ביכולת אים צו באַפעלקערן ווי געהעריג. זיי האָבן זיך צושפּרייט איבער דעם אַראַבישן האַלב־אינזל, איבער דעם גרויסן ארם־נהרים, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע נאַטור־אוצרות און קאָן ווערן נאָך פרוכטבאַרער און בליהענדער, ווי ער איז עס געווען אין אַלטערטום, איבער סיריען און דעם לבנון, איבער ארץ ישראל און עבר־הירדן, איבער מצרים און מאַראָקאָ, איבער אַלזשיר און טוניס, איבער דעם סודאַן און טריפּאָליטאַניען. די אַראַבישע עטנאָגראַפישע קאַרטע פאַרנעמט יעצט א ריי טעריטאָריעס, וואָס קענען נאָך אַריינעמען אין זיך צענדליקער מיליאָנען מענשען, וואָס זיינען לויט זייערע נאַטירלאַכע אייגנשאַפטן מסוגל צו ווערן איינער פון די רייכסטע שותפים אין דער וועלט־ווירטשאַפט. דער גרעסטער טייל פון דעם באָדן אין די דאָזיקע לענדער איז נאָך ניט באַאַרבעט אין זין פון מאָדערנע ווירטשאַפט, די נאַטור־אוצרות שלאָפן נאָך זייער טויזנט־יעריקן שלאָף און וואַרטן נאָך אַלץ אויף א האַנט, וואָס זאָל זיי אויפוועקן פון זייער פאַרגליווערטן צושטאַנד, און ווען עס קומען אהינצו הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס ווערן דערשטיקט אין דער ענגשאַפט פון די אייראָפּעאישע געטאָס, מענטשן וואָס ברייננגען מיט זיך דעם דראַנג צו אַרבעט, אונטערנעמערישע ענערגיע און מאָדערנעם וויסן, ווילן די אַראַבישע שאָוויניסטן פאַרשפּאַרן פאַר זיי טיר און טויער: „אַלץ געהערט צו אונז, אפילו דאָס וואָס מיר קאַנען ניט און ווילן ניט באַאַרבעטן. אויך גאַנץ פאָדער־אזיען און גאַנץ צפון־אפריקע. אייך גאָרנישט“. האַלטן אין די הענט די שליסלען צו גוואַלטיקע אוצרות און זיך ניט צורירן צו זיי, אַליין ניט לעבן און אַנדערע ניט לאָזן לעבן, אַליין ניט קענען באַאַרבעטן די גרויסע שטרעקעס באָדן און אַנדערע ניט צולאָזן צו דער אַרבעט — דאָס איז די ערגסטע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע, קעגן וועלכער די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט דאַרף פּראָטעסטירן.

ארץ ישראל איז ניט מער ווי א פופציקסטער חלק פון יענער גרויסער שטרעקע, וואָס די אַראַבישע שאָוויניסטן (און צוזאַמען מיט זיי אונזערע קאָמוניסטן) רופן אָן מיט דעם נאָמען אַראַביסטאַן. דאָס לאַנד האָט אַמאָל גע־

שפּייזט צווישן פיר און פינף מיליאָן מענטשן, בשעת איצטער לעבן דאָרט בצמצום ווייניקער פון אַ מיליאָן מענטשן. עס איז נאָך דאָרט פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ פּאָר מיליאָן נייע מענטשן, פאַר עטלאַכע מאָל מערער וויפיל דאָס לאַנד פאַרמאָגט איצט, מיר ווילן קומען אַהין און אויספילן דעם ב אַ פ ע ל ק ע ־ ר ו נ ג ־ ד ע פ י צ י ט פון׳ם לאַנד, אויפוועקן דאָרט דרעמלענדיקע כוחות, פאַרטרייבן פון דאָרטן דעם אומעט און דעם דלות, דעם היסטאָרישן „עפוש", וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט במשך פון יאָרהונדערטער אויף דעם באָדן פון פוילקייט און אָפּגעלאָזנקייט. און ווען אַראַבישע שאָוויניסטן, צוליב זייער ענגן און בלינדן עגאָאיזם, צוליב זייערע איסלאַמיש־אימפּעריאַליסטישע כוונות ווילן אונז פאַרצאָמען דעם וועג — הייסן מ י ר א י מ פ ע ר י אַ ל י ס ט ן און ז י י — ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן, הייסן מ י ר ע ק ס פ ל ו אַ ט אַ ־ ט אָ ר ן און ז י י — ד י ע ק ס פ ל ו אַ ט י ר ט ע.

אונזערע קאָמוניסטן האָבן זיך צוליב זייער פּראָוואָקאַציע־פּאָליטיק דערקאַטשעט דערצו, אַז זיי הויבן שוין אָן צו פּרעדיקן דעם פּרינציפּ פון אַבסאָלוטן פּריוואַטן אייגנטום אויף לענדער. אויב די אַראַבער האָבן אַ רעכט ניט אַריינצולאָזן קיין נייע איינוואַנדערער קיין ארץ ישראל (ווען דאָס לאַנד איז מסוגל זיי אַריינצונעמען) איז עס פּונקט אַזוי פאַרברעכעריש, ווי די ברוטאַלע אימיגראַציאָנס־געזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּונקט אַזוי נאַציאָנאַלעגאָאיסטיש ווי דאָס אָפּשטעלן פון דער אימיגראַציע אין דער ריזיקער קאַנאַדע מיט אירע קוים צען מיליאָן באַפעלקערונג. און אוב דער גאַנצער זכות פון די אַראַבער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען די מערהייט און מיר זיינען נאָך אַ מינדערהייט, איז עס דער זכות פון דעם שטאַרקערן און ניט פון דעם גערעכטערן. ווען אַ מערהייט אונטערדריקט אַ מינדערהייט, איז עס ניט ווייניקער ברוטאַל, ווי ווען אַ מינדערהייט אונטערדריקט אַ מערהייט, און מלמד זכות אויף אַזאַ מערהייט — בלויז דערפאַר וואָס זי איז אַ מערהייט — קענען נאָר מענטשן, וואָס ווייסן ניט וואָס זיי ריידן, אָדער מענטשן, וואָס האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס צו פאַרטונקלען די מוחות.

אויף דעם גרונד פון אַזאַ „קאָמוניסטישער עטיק" מעגן די רוסישע איינוואוינער פון בירא־בידזשאַן דערקלערן: מיר זיינען 25 טויזנט מענטשן און אידן בלויז אַ פּאָר הונדערט, 25 טויזנט איז מער פון 3—4 הונדערט, מיר זיינען די מערהייט פון לאַנד, דאָס לאַנד געהערט צו אונז און מיר ווילן ניט, אידן זאָלן קומען און זיך דאָ באַזעצן. אויף דעם גרונד פון אַזאַ „עטיק" האָבן אידן שוין בכלל ניט וואָס צו טאָן אויף דעם ערד־קוגל, דאַרפן זיי אויסוואַנדערן אויף׳ן מאַרס אָדער אויף דער לבנה. אויף דעם גרונד פון אַזאַ „עטיק" האָבן די דייטשע און עסטרייכישע „האַקענקרייצלער" געשיקט אַ באַגריסונג צו די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס (איך באַגריס אונזערע קאָמוניסטן אויך מיט דער פיינער שותפות, וואָס זיי האָבן אינדירעקט געשלאָסן מיט די דייטשע פאַשיסטן), און ס׳איז כמעט אומפאַרשטענדלאַך, וואָס ביז היינט האָבן נאָך די אַמעריקאַנער „האַקענקרייצלער", די הונדערט־פּראָצענטיקע און בלוט־ריינע קלעניקעס ניט אוועקגעשיקט ז י י ע ר באַגריסונג צו די חברון׳ער באַנדיטן. אפשר וועלן די אידישע קאָמוניסטן נעמען אויף זיך די הויכע מיסיע צו עפענען די אויגן פון׳ם „קלו־קלוקס־קלען" אויף די עוולות, וואָס מיר באַגייען בנוגע צו די „הונדערט־פּראָצענטיקע" אין ארץ ישראל...

איך באַשולדיק, אַלזאָ, די אידישע קאָמוניסטן אין פאַרראַט פון אידישע פאָלקס־אינטערעסן, אין פאַרראַט פון אידישע אַרבעטער־אידעאַלן, אין דערמוטיקן פּאָגראָמען און אידנהאַס, אין שליסן פּאָליטישע שותפות מיט שאָוויניסטן און אַנטיסעמיטן, אין בכיוון־ליגנערשער באַלייכטונג פון די געשעענישן אין

ארץ ישראל, אין פֿאַבריצירן פֿאַלשע נאַכריכטן וועגן דעם כאַראַקטער פֿון די דאָזיקע געשעענישן, אין פֿאַרשפּרייטן בלבולים אויף דער ראָלע פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, אין פֿאַרטונקלען די מוחות פֿון אידישע אַרבעטער־מענטשן, אין פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז סאַי לויט איר תוך און סאַי לויט איר פֿאָרם און טאָן — רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיטיש.

(לאַנג דויערנדע אַפּלאָדיסמענטן)

פֿאָרזיצער: קאָמוניסטן און די „פּריוויהייט“ ווערן אויך אָנגעקלאָגט אין פֿאַרברעכנס קעגן דער אידישער קולטור, און דעמאָראַליזירן די עפֿנטלעכע מיינונג — פֿאַרברעכנס, וואָס זיינען ניט ווייניקער גרויס ווי די, וועלכע חבר גרינבערג האָט פֿאָרגעבראַכט. מיר וועלן דערפֿאַר רופֿן צום וואָרט איינעם, וואָס האָט דאָס רעכט צו פֿאַרטרעטן און צו רעדן אין נאָמען פֿון דער אידישער קולטור — חבר ש. ניגער.

(אַפּלאָדיסמענטן)

ש. ניגער

מיר מוזן פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די קאָמוניסטן זיינען דערגאַנגען דערצו, ווי איז עס מעגלאַך געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיך דערלויבן אַזאַ אויפֿפֿירונג, וואָס האָט אויפֿגעבראַכט אפֿילו די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו זיי. מיט אַמאָל האָט עס ניט געקאָנט ווערן. עס האָט עפּעס געמוזט זיין אין זייער פֿאַרגאַנגענהייט, אין זייער גאַנצער טעטיקייט אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, וואָס זאָל האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר אָט די גיפֿטיקע פֿלאַנצונגען, וואָס האָבן איצט אַרויסגעשפּראָצט. און מיר דאַרפֿן וואַרפֿן אַ בליק אויף דעם גאַנצן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. זיינען מיר דאָך נישט געקומען אַהער זידלען זיי און אָנרופֿן זיי מיט די אַלע צונעמענישן, וועלכע זיי זיינען ווערט. דאָס לאָזן מיר איבער פֿאַר זיי. מיר ווילן פֿאַרשטיין און אויפֿקלערן דעם עולם וועגן אָט דער וואונד, וואָס מוז אויסגעשניטן אָדער געהיילט ווערן. זיי זיינען דאָך, סוף כל סוף, ביין פֿון אונזער ביין און פֿלייש פֿון אונזער פֿלייש. ווי אַזוי זיינען זיי דערגאַנגען צו אַזעלכע מיני האַנדלונגען?

כ'וועל נישט קאָנען אויסרעכענען די אַלע פֿאַקטן, אין וועלכע עס האָט זיך שוין לאַנג אויסגעדריקט זייער אומפֿאַראַנטוואָרטלאַקייט און הפקרות. איך וועל זיך מוזן באַנוגענען נאָר מיט עטלאַכע אילוסטראַציעס. כדי אָבער זיי זאָלן אונז קלאָר זיין, וויל איך גלייך פֿון אָנהויב אָן אָנווייזן אויף דעם געפֿערלאַכן יסוד, אויף וועלכן עס האַלט זיך די גאַנצע קאָמוניסטישע טעטיקייט, און איך וועל דערהויפּט אין זינען האָבן זייער טעטיקייט אויפֿ'ן קולטור־געביט. איך וועל נישט ריידן וועגן אירע צילן. דאָס וואָלט אונז צו ווייט פֿאַרפֿירט. גענוג זיך אָפּצושטעלן אויף די מעטאָדן פֿון זייער קולטור־אַרבעט. אין זיי האָט זיך שטענדיק געפֿילט דער פֿאַרפֿירערישער און אומגליקלאַכער גלויבן, אַז אמת און יושר לאָזן זיך פֿאַנאַנדערטיילן און אַז מען קען קעמפֿן פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, זייענדיק באַוואָפֿנט מיט שקר.

זינט די מענטשהייט האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו אַ וועלט, וואָס זאָל זיין שיין און גערעכט, און זי האָט עס אָנגעהויבן צו טאָן מיט טויזנטער יאָרן צוריק (נאָר די קאָמוניסטן האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען די ערשטע און די לעצטע) — איז שטענדיק פֿאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער צווייפֿאַכער אמת — דער וואַרהייטס־אמת און דער גערעכטיקייטס־אמת (געברויכנדיק אַן אַלטן אויסדרוק פֿון דער רוסישער ליטעראַטור) — איז אַן

איינהייט, וואָס קאָן ניט און טאָר ניט צוריסן ווערן. די קאָמוניסטן אָבער גלויבן, אַז מען קאָן נאַרן די וועלט, מען קאָן פֿעלשן און פֿאַלשעווען — און אויף אַזאַ אופֿן שאַפֿן גערעכטן סאָציאַלן לעבן.

לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז זיי האָבן אָפּגענאַרט די האָפֿענונגען, וואָס זיינען פֿון אַ סך פֿון אונז אַליין געלייגט געוואָרן אויף זייער „פֿרייהייט“. זיי זיינען אין אָנהויב אַרויס מיט גערעכטע טענות קעגן דער אידישער פּרעסע. זיי האָבן גערעדט וועגן אירע פֿעלערן — און עס איז געווען גוט, וואָס זיי האָבן עס געטאָן. אָבער וואָס איז דער סוף געווען? האָבן זיי באמת אַריינגעבראַכט די ריינקייט אין דעם אידישן זשורנאַליזם, וועלכע זיי האָבן צוגעזאָגט? האָבן זיי באמת געזוכט אויסצואיידלען דעם געשמאַק פֿון די אידישע אַרבעטער־מאַסן און געבן זיי ריכטיקע און נוצלאַכע אינפֿאָרמאַציע?

די „פֿרייהייט“ איז געוואָרן אַן אָרגאַן, וואו טאָג־טעגלאַך זיינען איבערגעחזר'ט געוואָרן די ערגסטע זלזולים און שימפּ־ווערטער. ווער עס איז נאָר ניט געווען מיט זיי, איז פֿאַרלוימדעט און פֿאַרשפּיגן געוואָרן. ווער עס האָט נאָר געוואַגט אָנצואווייזן זיי אויף אַ פֿעלער, איז דערקלערט געוואָרן פֿאַר דעם ערגסטן פֿון ערגסטן, און מיט אָט די מיטלען האָט מען געזוכט אָפּצופּטרן אַלע פּרינציפּיעלע פֿראַגן. עס איז ניט געווען די מינדסטע מעגלאַכקייט צו פֿירן מיט זיי אַ אידעען־פּאָלעמיק. פּערזענליכע אָנפֿאַלן, פֿעלשונג פֿון פֿאַקטן, פֿאַרקריפּלונג פֿון יענעמס רייד — איז געווען דער ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגן. די אַרבעטער זיינען ניט אויפֿגעקלערט געוואָרן, זיי זיינען נאָר פֿאַרטומלט און פֿאַרשריען געוואָרן...

אין אַנדערע צייטונגען זיצן אויך נישט קיין צדיקים. עס איז דאָ גענוג העפֿלאַכקייט, שונד און שמוץ אומעטום. אָבער די „פֿרייהייט“ איז אין דעם פּרט דאָך געווען אַן אויסנאַם. די אַלע מיאוסקייטן זיינע באַ איר געווען אַ סיסטעמאַטישע און אָרגאַניזירטע זאַך. און דאָס ערגסטע איז, וואָס דאָס איז אַלץ לשם שמים, כדי צו ראַטעווען און אויסלייזן די וועלט. ווען אַנדערע צייטונגען באַנוצן שונד־מעטאָדן, ווייס מען, אַז מען איז אויסן דערמיט וואָכעדיקע צילן. דער אינטעליגענטער לעזער ווייס ווי אָפּצוטיילן שונד פֿון ליטעראַטור, און זאַכן, וואָס זיינען באַשטימט פֿאַר'ן עולם־גולם, פֿון ערנסטע און ריכטיקע זאַכן. די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעבראַכט אַ צלם אין היכל אַריין. זיי האָבן איינגעוויקלט די טומאה אין דער יראה, זיי האָבן איינגעשפּאַנט דעם שקר און די פֿאַלשקייט אין דעם רייטוואָגן פֿון די, וואָס קעמפֿן פֿאַר אַ שענערן לעבן. זיי האָבן אָפֿן דערקלערט, אַז כדי אָפּצושוואַכן און דערנידעריקן דעם קעגנער, מעג מען אַלץ טאָן, און זיי האָבן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט.

זיי האָבן געפּרובירט צוציען צו זיך די שרייבער, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט סאָוועט־רוסלאַנד (און דאָ רירן מיר אָן אַ פּונקט פֿון זייער באַציאונג צו דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע זיי האָבן אויך געוואָלט אויסלייזן פֿון בורזשואַזן און קליינבירגערלאַכן גלות). זיי האָבן צוגעזאָגט די שרייבער הרים וגבעות. זיי וועלן שאַפֿן דעם אמת'ן לעזער פֿאַר אידישער ליטעראַטור, זיי וועלן געבן דעם אידישן שרייבער די שליסלען צו דער גרויסער אַרבעטער־אוידיטאָריע און ער וועט לעבן, אויב ניט אין עושר, איז אין כבוד און אין גדולה. זיינען זיי געווען אויפֿריכטיק מיט די פֿאַרשטייער פֿון דער אידישער ליטעראַטור? האָבן זיי באמת געוואָלט שאַפֿן אַ גייסטיקע דערנעענטערונג צווישן די שרייבער און דער אַרבעטער־מאַסע? ניין, זיי האָבן זיי נאָר געוואָלט אויסניצן פֿאַר זייערע פּאַרטיי־צוועקן, פֿאַר זייער פּרעסטיזש, פֿאַר זייערע יום־טובים. ווי נאָר זיי האָבן דערזען, אַז אַ שרייבער לאָזט זיך נישט אויסניצן פֿון זיי ווי געהעריק איז, האָט מען אים גלייך פֿאַר'מסרט פֿאַר די אַרבעטער און מיט אַלערליי מיטלען געזוכט צו פּסלענען און צו שונדן.

איז אַ שרייבער אַריבערגעגאַנגען צו זיי פון אַן אַנדער ציטונג, איז ער גלייך געקרוינט געוואָרן ווי אַ „פּראָלעטאַרישער דיכטער״. זיין שרייבן האָט זיך אויף אַ האָר נישט געענדערט, ער איז געבליבן דער אייגענער, ווי פריער, אָבער כדי צו קאָנען זיך אַליין בעסער רעקלאַמירן און כדי איינצושמועסן דעם עולם, אַז זיי נעמען איין די וועלט, האָבן זיי גלייך דערקלערט, אַז די „פּראָלע־טאַרישע ליטעראַטור״ האָט צוגעקראָגן אַ נייעם בויער, אַ נייע קראַפט. ווי נאָר אָבער די פּערזענלאַכע באַציאונגען צווישן דעם שרייבער און דער רעדאַק־ציע זיינען קאַליע געוואָרן, איז ער געוואָרן אויס פּראָלעטאַרישער, ווידער „פּען־קנעכט פון דער בורזשואַזיע״.

דאָס וואָרט "פּראָלעטאַרישע קולטור״ איז פון אָנהויב אָן דאָ אין אַמעריקע געווען נישט מער ווי אַ שילד, וואָס אָט האָט מען עס אַרויסגעשטעלט און אָט באַהאַלטן, די אומוויסנדע מאַסע האָט עס גענומען ערנסט, און עס איז צוגע־קומען אַ ניי וואָרט אין איר שפּראַך, אָבער וואָס דאָס וואָרט האָט געמיינט, האָבן די אידישע קאָמוניסטן זיך קיינמאָל נישט געגעבן די מי צו דערקלערן. ס'איז געווען און געבליבן איינע פון יענע פוסטע פראַזן, איינער פון יענע שקרים, מיט וועלכע זיי פאַרטומלען די מוחות און טויטן אָפּ דעם לעבעדיקן געדאַנק פון די מאַסן.

ווי ווייט דאָס וואָרט ליטעראַטור איז פאַר זיי נאָר אַ וואָרט אויף צו מאַכן אַ טומל און אויף צו שיטן זאַמד אין די אויגן, קאָן מען זעען פון דעם פאַקט, וואָס ווי נאָר דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין האָט דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך אַליין אָוועקגעשטעלט מחוץ למחנה, זיינען זיי גלייך אַרויס מיט אַ נייעם, אַז זיי האָבן אַן אייגענעם „שריפטשטעלער־פאַראיין;״ מיט איבער פּ ו פ צ י ק מיטגלידער. מיט אַמאָל, איבערנאַכט, זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע עטלאַכע צענדליק נייע אידישע שרייבער! זיי ווייסן, אַז דאָס זיינען מייסטנס ניט קיין שרייבער, זיי האָבן דאָך אַליין זייער שרייבאַכץ אין קאָרב געוואָרפן, אָבער אַז מען דאַרף „זיך מאָביליזירן״, נעמט מען אַרויס עופּהלאָך פון די וויגן, אַרבע־טער פון די שעפּער — און מען מאַכט זיי פאַר שרייבער....

... מיט די אַלע גענג האָט מען אָפּגעטריבן דעם לעזער פון דער ליטעראַ־טור און אָפּגעוואוינט אים לייענען ביכער און ערנסטע זשורנאַלן, אַפילו זייערע אייגענע זשורנאַלן ווערן פון זייערע מענטשן נישט געלייענט. אַפילו „דעם האַ־מער״ האָבן זיי נישט געקאָנט איינהאַלטן מיט אַלע זייערע אָנהייגנער פון פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור.

אַז זיי דאַרפן אַליין נישט טראַכטן — אַזאַ אַטמאָספערע האָט מען גע־שאַפן אַרום זיי — זיי דאַרפן נאָר הערן, וואָס די פירער זאָגן, הערן און פאָלגן! היינט צו וואָס לייענען? וואָס אָלגין זאָגט היינט, ווייסן זיי פון דער „פרייהייט״, און וואָס ער וועט מאָרגן זאָגן — ווייס ער נאָך אַליין נישט....

... אַי דער לעזער, אַי דער שרייבער איז דעמאָראַליזירט געוואָרן דורכדעם וואָס אַלץ איז געוואָרן פּאָליטיק.

זיי האָבן אָפּגעריסן די שולן פון אַרבעטער־רינג, איז זייער טענה געווען: דער אַרבעטער־רינג וויל אַרויפצווינגען פּאַרטייאישקייט אויף די שולן. וואָלטן זיי עס געמיינט ערנסט, וואָלטן זיי אַליין זיך געהיט פון פּאַרטייאישקייט. ווי זיי האָבן „זיך געהיט״ ווייסן מיר אַלע זייער גוט. אַפילו די, וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט זיי, האָבן שוין וויי טער נישט געקאָנט גיין. זיי האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו מאַכן פון דער אַרבעטער־שול נאָך אַן אינסטרומענט פון קאָמוניסטישער אַגיטאַציע און קאָמוניסטישער פּאָליטיק. וואָלטן די קאָמוניסטן ניט געבויט אויף שקר, וואָלטן זיי אַרויס און געזאָגט אָפן: מיר ווילן קאָמוניסטישע שולן, ווייל מיר האַלטן אונזער שול־פּראָגראַם פאַר דער איינציק ריכטיקער. מיר זיי־

נען קעגן אומפּאַרטייאישקייט אומעטום, אויך אין דער דערציאונג פון קליינע קינדער. ווען זיי זאָלן האָבן ארוים מיט אזעלכע אָפענע דבורים, וואָלטן מיר געקאנט מיט זיי מסכים זיין אָדער ניט, אָבער מיר וואָלטן געהאַט פאַר זיך אן אויפריכטיקע דערקלערונג. מיר וואָלטן געוואוסט מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. אָבער די קאָמוניסטן האַלטן פאַר נוצלאַכער ניט אויסצוזאָגן דעם ברייטן עולם, אז זייערע שולן זיינען קאָמוניסטישע, ד. ה. פּאַרטייאישע. אויף זייערע שילדן און אין זייערע אויפרופן שטייט נאָך אַלץ: „אומפּאַרטייאישע ארבעטער קינדער שולן"...

און אָט אזוי איז עס אומעטום ביי זיי: פאַלשקייט און צביעות.

און אויף אָט דעם באָדן איז אויסגעוואקסן דער שקר פון אידן, וואָס שלאָגן, נעבאך, אומשולדיקע אראַבער, — דער נייסטער גרויסער שקר, וועלכן די אידישע עפנטלאַכקייט האָט שוין מער נישט געקאנט אריבערטראָגן...

... וואָס האָט זיי געגעבן די מעגלאַכקייט צו פירן אָט די אַלע צעשטערנדיקע און ליגנערישע קאָמפּאַניעס? זיינען זיי אַליין אין דעם שולדיק? איז אין אונזער לעבן גאָרנישט ניטאָ, וואָס זאָל זיי געבן די מעגלאַכקייט צו טאָן אָט די אַלע זאַכן? ניין, מיר דאַרפן צוגעבן, אז עס זיינען דאָ גענוג מיאוסקייטן און ווילדקייטן אין אַלע ווינקעלאך פון אונזער געזעלשאַפטלאַכקייט — אין אונזער ארבעטער־באַוועגונג, אין אונזער פּרעסע, צווישן אונזערע שרייבער. דאָס האָט גענערט דעם באָדן, אויף וועלכן זיי זיינען אויסגעוואקסן, דאָס האָט געשאַפן די גרויסע אומצופרידנקייט, וועלכע זיי עקספּלואטירן, דאָס האָט זיי מעגלאַך געמאַכט צו זאָגן כלערליי האַלבע אמת'ן, וועלכע זיינען, ווי באַוואוסט, ערגער און שעדלאַכער, ווי א גאַנצער שקר.

דערפאַר דאַרפן מיר אייגנטלאַך משפטן ניט זיי (זיי זיינען שוין פאַר־משפט!), נאָר אַלע יענע פינסטערע זייטן פון אונזער לעבן, וועלכע גיבן מאַטעריאַל דער דעמאַגאָגיע און העלפן איר קאָמאַנדעווען אין דער אידישער גאַס און פירן די גרענדע צווישן די ליידנדיקע מאַסן ביז וואַנען זי פאַרפלאָנטערט זיך אין די נעצן פון אירע אייגענע ליגנס. מיר דאַרפן זיך אַליין נעמען פאַר דער גרויסער ריינינקונגס־ארבעט, מיר דאַרפן אַליין פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר גערעכטיגקייט אין נאָמען פון אמת, כדי אז דאָס זאָל ניט געטאָן ווערן מיט די אומריינע און געפערלאַכע וואָפן פון שקר...

(לאַנגדויערנדע אפּלאָדיסמענטן)

פּאַרזיצער: מיר וועלן זיך אומקערן צו דער שטעלונג פון די „פרייהייט" צו די בלוטיקע פּאַסירונגען אין ארץ ישראל און איך וועל רופן צום וואָרט — חבר א. רעוואוצקי. (אפּלאָדיסמענטן)

א. רעוואוצקי

אין יעדן פאַרברעכן זיינען דאָ צוויי זייטן: די נאָרמאַלע זייט און די אומנאָרמאַלע. ווען איינער למשל שטרעבט נאָך געלט, איז עס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אפילו א טוגנט, ווען אָבער ער באַגייט צוליב דעם א רויב־מאָרד איז ער א שווערער פאַרברעכער.

דאָס נאָרמאַלע, אויב מען קען זיך דאָ אזוי אויסדריקן, אין'ם פאַרברעכן פון דער „פרייהייט", איז געווען איר שטענדיקער, טאָג־טעגלאַכער, פאַרביסענער אַנטי־ציוניזם. דאָס אומנאָרמאַלע איז געווען דער ווילדער פרייד־טאַנץ איבער די קערפּערס פון די אידישע הרוגים אין ארץ ישראל.

וואָלטן די „פרייהייט"־לייט זיך באַשרענקט בלויז מיט שילדערן די פּאַ־לעסטינער געשעענישן, אַלס אַ באַווייז פון ציוניסטישן „באַנקראָט", אָדער אַלס אומפאַרמיידלאַכן רעזולטאַט פון „אידישן אימפּעריאַליזם" אין ארץ ישראל, וואָלט די שטימונג קעגן איר נישט געווען אַזוי פאַרביטערט. וואָלט זי געהאַט געניג טאַקט און שכל, כדי נישט איבערניצעווען פּאַגראָמען אין אַ „רעוואָלו־ציאָנערן אויפשטאַנד" און וואָלט זי אַרויסגעוויזן דעם נאָרמאַלן מיטגעפיל צו זייערע אומשולדיקע קרבנות, — וואָלטן מיר דעם היינטיקן משפט איבער איר נים אָפּגעהאַלטן. מיר וואָלטן באַקעמפט זייערע מיינונגען, מיר וואָלטן אָפּגע־לייקנט זייערע אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען, אָבער מיר וואָלטן זיי נישט געשטעלט מחוץ למחנה.

לאָמיר זיך אָבער פון דעסטוועגן ניט נאַרן. אויב די מופּטי רעדאַקטאָרן פון יוניאָן סקווער האָבן נאָך פונדעסטוועגן אַ געווויסן אַנהאַלט אויף דער אי־דישער אַרבעטער־גאַס, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם אַנטי־ציוניסטישן סם, וועלכער האָט געטריפט במשך לאַנגע יאָרן אין מוחות פון די אידישע אַרבעטער. ביי אַ טייל פון זיי איז די אַנטי־ציוניסטישע פאַרבלענדעניש, וועמענס אָנהויב שטאַמט נאָך פון דעם בונד'ס צייטן, אַזוי שטאַרק, אַז זיי פאַרקוקן צוליב דעם די קאַניבאַלישע שטיק פון זייערע איצטיקע פירער און גיבן זיי זייער ווייטער־דיקע מיטהילף.

איך מיין דעריבער, אַז די גרעסטע געפאַר איז ניט די אומגעלומפּערטע נבלה, מיט וועלכער די „פרייהייט" האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן, נאָר די כסדר'דיקע אַנטי־ציוניסטישע אַגיטאַציע, וואָס אָפּעריט מיט אַרגומענטן, וועלכע קוקן אויס אויף דעם ערשטן בליק סאָציאַליסטיש און פּראָ־גרעסיוו. אין דעם זין שטייען אויסגעהאַלטענע בונדיסטן פון דעם אַלטן חדר אין איין מחנה מיט די קאָמוניסטן פון יוניאָן סקווער. און אַ סימן האָט איר, — אַז די בונדישע „פאָלקס־צייטונג" אין וואַרשע האָט אין תוך פאַרנומען די זעלבע פּאָזיציע צו די פּאַלעסטינער געשעענישן ווי די „פרייהייט", — אויף אַ קלוגערן און פאַרזיכטיקערן אופן.

די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן משפט וועט דעריבער ניט דערפילט ווערן, אויב מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט דעם פאַרדאַמען די ווילדע פעלשונגען פון דער „פרייהייט" פאַר די לעצטע עטלאַבע וואָכן און וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אירע טאָג־טעגלאַכע אַנטי־ציוניסטישע טענות, וועלכע זיינען די אייגענט־לאַכע גרונדלאַגע אויף וועלכער דער דאָזיקער פאַרברעכן איז אויפגעבויט גע־וואָרן.

די „נאָרמאַלע" העצע פון דער „פרייהייט" און אַנדערע אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן אויף דער אידישער גאַס קעגן דעם אויפבוי פון ארץ ישראל באַזירט זיך אַממערסטן אויף דער באַשולדיקונג פון אימפּעריאַליזם. ציוניזם זאָל זיין אַ מין „אידישער אימפּעריאַליזם", וואָס אונטערדריקט און עקספּלואַטירט אַראַ־בער אין ארץ ישראל און מ'שטויסט זיי אַרויס פון זייער לאַנד.

דאָס „גערעדעכץ" וועגן אידישן אימפּעריאַליזם איז אָבער אַן עם־האַרצישער אומזין. אימפּעריאַליזם מיינט די הערשנדע קלאַסן פון אַ פאָלק וואָס האָט זיך גוט איינגעפונדעוועט אין אַן אייגן לאַנד און האָט אַן איבערפלוס אין עקאָנאָ־מישע און פיזישע כוחות, עראָבערן מיליטעריש אָדער פאַרכאַפּן אויף אַ „פריד־לאַכן אופן" אַן אַנדער לאַנד, וועלכע זיי עקספּלואַטירן לטובת זייער אייגענער מלוכה. עס קאָן דעריבער ניט געמאָלט זיין קיין אימפּעריאַליזם אָן אַ שטאַרקער מעטראָפּאָליע, וועלכע דרינגט דורך מיט איר עקאָנאָמישן און פּאָליטישן איינ־פלוס אין שוואַכערע און אָפּגעשטאַנענע לענדער, וועלכע ווערן אירע דירעקטע אָדער אומדירעקטע קאָלאָניעס.

וואו איז אָבער די אידישע מעטראָפּאָליע, פון וועלכער מיר פירן אָן אונזער „אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניאַל פּאָליטיק“ אין ארץ ישראל? געפינט זי זיך אויף העסטער סטריט אין ניו יאָרק אָדער אויף דזשיקע גאַס אין וואַרשע? די דאָזיקע פראַגע גיט שוין אליין דעם געהעריקן ענטפער.

וויסנשאַפטלאַך געדערט, איז דאָס וואָס מיר טוען אויף אין ארץ ישראל דער פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ר ה פ ו ך פון דעם, וואָס ווערט געוויינטלאַך באַצייכנט אלס קאָלאָניאַל פּאָליטיק. געוויינטלאַך מיינט דאָס אויסשפּרייטן די מאַכט רעסורסן פון אַ קאָנצערטרירטער מעטראָפּאָליע אויף צעוואָרפענע און צושפּרייטע קאָלאָניעס. אין ארץ ישראל אָבער קומט פאָר פאַרקערט, די שאַפונג פון אַ אידישער מעטראָפּאָליע דורך כוחות, וואָס קומען פון צושטרייטע און צוזייטע גלות ישובים. מען קאָן מיט פיל רעכט זאָגן, אז מיר קאָלאָניזירן גאָרניט ארץ ישראל: מיר מ ע ט ר א פ א ל י ר ן ז י.

די קלוגערע פון אונזערע קעגנער פאַרשטייען דאָס. אנשטאַט צו ריידן וועגן דעם אידישן אימפּעריאַליזם אין ארץ ישראל באַנוגענען זיי זיך דעריבער מיט דער באַשולדיקונג, אז אידן זיינען דאָרט „אַגענטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם“.

קיינער לייקנט נישט, אז אַן ענגלישער אימפּעריאַליזם איז דאָ און ליידער לאָזט ער זיך אויך פילן אין ארץ ישראל. די באַהויפּטונג אָבער, אז אידן וואָס בויען אויף ארץ ישראל, ווערן דערמיט זיינע מיטהעלפער און אַגענטן, איז פאַלש פון אָנהויב ביז סוף.

עס איז אַ מאָדנע זאַך. ווען איר קוקט דורך אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ארץ ישראל אין מאָסקווער „עמעס“, וועט איר דאָרט שטענדיק באַגעגענען פאַרשידענע פאַקטן וועגן דעם, ווי אַזוי די ענגלישע אַדמיניסטראַציע שטערט דאָרט דער אידישער קאָלאָניזאַציע. אין די לייט אַרטיקלען פון דער אידישער קאָמוניסטישער פּרעסע וועט איר אָפט באַגעגענען פאַרגלייכן וועגן די שטערונגען, וועלכע ענגלאַנד שטעלט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און וועגן דער ברייטער הילף, וואָס ווערט איר געגעבן פון דער סאָוועט־רעגירונג אין רוסלאַנד. די דאָזיקע פאַרגלייכונגען זיינען אָמאָל איבערטריבן, אָבער מערסטנס באַזירן זיי זיך אויף אַן אמת'ן יסוד.

עס וואונדערט מיך שטענדיק, ווי אַזוי די קאָמוניסטישע צאַן קדושים זעען ניט דעם ווידערשפּרוך צווישן די דאָזיקע פאַקטן און זייער כסדר'דיקער זידלעריי וועגן די „אגענטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם“.

ממה נפשך: זיינען מיר אגענטן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, טאָ פאַר וואָס באַהאַנדלט מען אונז אַזוי שלעכט? פאַרוואָס שטערט זי אונז צו קאָלאָניזירן ארץ ישראל אַנשטאַט צו העלפן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז רעגירונגס באַאַמטע זאָלן העלפן צו מאַכן פּאָגראָמען אויף זייערע אייגענע אגענטן אָדער וויניקסטנס פאַרנעמען צו זיי אַ „נייטראַלע שטעלונג?“

דער אמת איז, אז ציוניזם און ענגלישער אימפּעריאַליזם זיינען ניט קיין פּאָר שטיוול, און יעדער פאַרזוך צונויפצופּאָרן זיי דורך אויפגעבלאָזענע דעקלאַראַציעס האָט בלויז געבראַכט צרות צוביידע צדדים. נאַטירלאַך האָט די גרעסטע קלעפּ דערביי באַקומען דער שוואַכערער פון די צוויי בלומרשטע שותפים.

די, וואָס האָבן געפּועלט ביי דער ענגלישער רעגירונג „די באַלפור דעקלאַראַציע“ וואָלטן געטאָן אַ גרויסע חכמה, ווען אנשטאַט דעם אומקלאָרען צוזאָג וועגן אַ „אידישער נאַציאָנאַלער היים“, וועלכן מען קאָן אויסציען און צונויפּרעסן ווי אַ שטיק גומי, וואָלטן זיי דורכגעזעצט באַשיידענער אָבער אַ קלאָרערע פאַרפליכטונג וועגן אַ שטייער רעפאָרם אין ארץ ישראל, וועגן טאַ־

ריף־שויץ פאַר דאָרטיקע אינדוסטריען און פרייע עמיגראַציע. כ'בין זיכער, אַז מיר וואָלטן אין אַזאַ פאַל געהאַלטן איצט אין אונזער אויפבוי ארבעט אין ארץ ישראל פיל, פיל ווייטער איידער מיר שטייען איצט נאָך דער גאַנצער קלינגעריי פון דעם הויך פּאָליטישן און האַלב אימפּעריאַליסטישן גלאָק, וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען אויף דעם ציוניזם אין דער צייט פון די גרויסע מלחמה הבטחות.

ווען מען היינגט אָן אויף אַ ציג אַ גלאָק, ווערט זי נאָך פון דעם ניט קיין קלויסטער. ווען מען באַלאַסטעט ציוניזם מיט דעקלאַראַציעס, ווערט ער נאָך פון דעם ניט קיין אימפּעריאַליזם. זיין גאַנצער וועזן איז עטוואָס אנדערש.

דער דירעקטער רעזולטאַט פון ציוניזם איז די הייבונג פון דעם לעבנס סטאַנדאַרד פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל און די שאַפונג פון אַ גרויסן אידישן ארבעטער צענטר אויפ'ן נאָענטן מזרח. דאָס איז זיכער ניט זייער אנגענעם פאַר דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דער בעסטער באַווייז פון דעם איז, וואָס זיינע אייגנטלעכע וואָרטזאָגער, די דערפאַרענע און דורכ־געטריבענע קאָנסערוואַטיווע קאָלאָניאַל־פּאָליטיקער, זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין אמת'ע אָנהייגער פון אַ אידישער היים אין ארץ ישראל. זיי זיינען עד היום די גרעסטע שוועריקייט אויף איר וועג.

די אנדערע טאָג־טעגלאַכע טענות פון דער „פרייהייט" באַשטייט אין דעם, אַז דער אויפבוי פון ארץ ישראל קומט פאַר קעגן דעם וואונש פון דער אַראַבי־שער באַפעלקערונג, וועלכע ווערט צוליב ציוניזם אַרויסגעשטויסן פון איר באָדן. אויך די טענה איז זייער ווייט פון דער ווירקלאַכקייט. אלס איינער, וואָס האָט פאַרבראַכט יאָרן אין ארץ ישראל און וויים די געשיכטע פון יעדער אידישער קאָלאָניע דאָרט, קאָן איך זאָגן עדות, אַז איך וויים בלויז וועגן צוויי פאַלן פאַר די לעצטע 40 יאָר, ווען אַראַבישע פּויערים זיינען ווענטלאַך גע־קריוודעט געוואָרן ביים אָפּקויף פון זייער באָדן. דער איינער פון די דאָזיקע פאַלן איז פאָרגעקומען אין מעטולא מיט אַ יאָר 33 צוריק, דער אַנדערער אין עפולה מיט 8 יאָר צוריק. אָבער אַפילו אין די דאָזיקע צוויי אויסנאַם־פאַלן זיי־נען די דאָרטיקע פּויערים שפּעטער באַפרידיקט געוואָרן אין אַ גאַנץ באַדיי־טענדער מאָס.

אין פאַל פון מעטולא איז יושר פאַרלאַנגט געוואָרן פאַר די דאָרטיקע דרוזן פון ניט קיין אַנדערן ווי אחד העם אַליין. דוקא אלס אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון אחד־העמ'יזם, ווּעמעס אומגליקלאַכע טעאָריע וועגן מרכז רוחני, איז לויט מיין איבערצייגונג איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר'ן גיכן אויפבוי פון ארץ ישראל, האַלט איך פאַר נויטיק צו דערמאָנען דאָ מיט רעספּעקט די קראַפט־פולע און באמת מענטשלאַכע פּאָזיציע, וועלכע אחד העם האָט פאַרנומען בנוגע די געקריוודעטע דרוזן פון מעטולא. אין דעם אַנדערן פאַל, פון עפולה, האָט זיך פאַר די אַראַבישע פּויערים אָנגענומען אַ גרויסער טייל פון די ארץ ישראל'־דיקע ארבעטערשאַפט. ווי געזאָגט, איז אין ביידע פאַלן די קריוודע שפּעטער גוט געמאַכט געוואָרן אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן.

אויסנאַמען און בפרט אַזעלכע אויסנאַמען באַשטעטיקן בלויז דעם כלל. איך באַהויפּט מיט פולער אחריות, אַז ניט נאָר איז יעדער אידישער שפּאַן אין ארץ ישראל געקויפט געוואָרן מיט שווערן געלט, נאָר דער גרעסטער טייל פון די עקזיסטירנדע אידישע קאָלאָניעס זיינען געבויט געוואָרן אויף אַ באָדן, וואָס איז פריער גאָרניט באַארבעט געוואָרן. די אידישע קאָלאָניסטן פון פתח תקוה פון חדרה, פון עמק יזרעל און פון פיל אנדערע איצט בליענדע געגנדן האָבן ערשט זייער לאַנד ניט פון אַראַבער, נאָר פון זאַמד־בערג, זומפּן און געלן פיבער. אין חדרה, למשל, איז נישטאָ קיין איין אַלטער אידישער קאָלאָניסט, וואָס האָט ניט אויף דעם דאָרטיקן בית עלמן, כאָטש אַ פאָר מיטגלידער פון זיין

פאַמיליע, וואָס זיינען געשטאָרבן פון מאַלאַריע. ווען די אָלגינס וואַגן צו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע אידן האָבן ווייניקער רעכט אויף זייער באָדן, איידער וועלכע עס איז אַנדערע פּויערים אין דער גאַנצער וועלט?

און וואָס איז נוגע די באַהויפּטונג וועגן א ל ג ע מ י י נ ע ר עקספּלו־אַטאַציע פון אַראַבער דורך אידן, איז עס אַ באָבע מעשה, וואָס איז ממש אָפּ־געשריבן פון קרושעוואַנעם פּראָקלאַמאַציעס. נאַטירלאַך, ווערן איינצעלנע אראַ־בישע אַרבעטער עקספּלואַטירט פון אידישע אונטערנעמער און פּאַרקערט, עס זיינען דאָ איניקע אידישע אַרבעטער, וואָס פאַרדינגען זייער אַרבעטס־קראַפט צו אַראַבער. אָבער פאַר דעם, ווי די אראַבישע אַרבעטער זיינען אָנגעקומען צו די אידישע בעלי בתים האָבן זיי געאַרבעט ביי עפענדים — פאַר אַ פיל נידעריקערן לוין און מיט פיל לענגערע אַרבעטס־שטונדן.

אָבער ארץ ישראל׳דיקע אַראַבער ווילן ניט, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל? זיי זיינען די מערהייט אין לאַנד. איז דאָס ניט אַן עולה, וואָס אידן אימיגרירן קעגן זייער ווונש קיין ארץ ישראל און באַזעצן זיך דאָרט אויפ׳ן לאַנד?

ס׳איז אָבער, ערשטנס, נאָך אַ גרויסער ספק, צי זיינען טאַקע אַלע אַראַבער אין ארץ ישראל קעגן אידישער קאָלאָניזאַציע. ווען מען זאָל דורכפירן וועגן דעם אַן ערלאַכן פּלעביסציט צווישן די פעלאַכן, וואָס אַרבעטן אין די אידישע קאָלאָניעס, צווישן די פויערים, וואָס פאַרקויפן אידן די פּראָדוקטן פון זייער באָדן, צווישן די פּאָרט־אַרבעטער, וואָס מאַכן א לעבען פון אויסלאָדן אידישע אימי־גראַנטן און אידישע סחורה און בכלל צווישן די שטאָדטישע אַראַבישע אַר־בעטער, וועמעס לעבנס־סטאַנדאַרט האָט זיך געהויבן א דאַנק אידישער אימי־גראַציע, וואָלט מען געקראָגן אַ רעזולטאַט, וואָס וואָלט נישט נאָר געשמעקט דעם גרענד־מופטי און זיינע נאַציאָנאַליסטישע פריינט. כ׳קאָן, נאַטירלאַך, נישט ברייננגען דאָ קיין צאָלן, אָבער ס׳איז זיכער דאָ אַ גאַנץ גרויסער טייל פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכער וויל נישט קעמפן קעגן אידישער קאָ־לאָניזאַציע. וואָלטן מיר געהאַט אין לאַנד אַ ווירקלאַכן פאַרלאַמענט אָן קינס־לאַכע קעסטלאַך (קוריעס) צווישן די איינצלנע נאַציעס און רעליגיעס, וואָלטן אפשר די עפענדים פירער פון אַראַבישן שאָוויניזם איבערגעלעבט א נישט אַנ־גענעמע איבעראַשונג.

אָבער ווען אפילו די מערהייט פון די ארץ ישראל׳דיקע אַראַבער זאָל באמת זיין קעגן אידישער קאָלאָניזאַציע, איז דאָס אָבער נאָך נישט קיין גענוגנדער מאָ־ראַלישער גרונד, כדי מיר זאָלן זיך פון דעם אָפּזאָגן. גראַד קאָמוניסטן, וואָס לייקענען דעם פּריוואַט־אייגנטום פון יחידים אויף באָדן, וואָלטן זיך באַדאַרפט שטאַרק היטן פון אַ טעאָריע וועגן אומבאַשרענקטן פּריוואַט־אייגנטום פון פעל־קער אויף „זייערע“ לענדער. פאַר אמת׳ע אינטערנאַציאָנאַליסטן איז די וועלט אַן איינהייט, איינצלנע פעלקער האָבן געוויס דאָס רעכט זיך פריי אויסלעבן אינ׳ם לאַנד, וואו ס׳האָט זיי באַזעצט דער היסטאָרישער גורל, אָבער זיי האָבן קיין רעכט נישט עס אָפּצוצאַמען מיט אייזערנע גראַטקעס קעגן מיטגלידער פון אַנ־דערע פעלקער, וואָס ווערן אהין געטריבן דורך עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט. פרייהייט פון באַוועגונג ,פון אימיגראַציע, פון באַזעצן זיך אומעטום, וואו דער יחיד זעט פאַר זיך עקזיסטענץ־מעגלאַכקייטן, זיינען דער גרונד־לייגנדער תנאי פון ווירקלאַכער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג אין אַ סאָציאַליסטישער וועלט.

ווען פויערים פון אַ רוסישן דאָרף זאָלן אָננעמען א רעזאָלוציע נישט אריינ־לאָזן צו זיך קיין אידן, וואָלט די סאָוועט־רעגירונג אזא סאָרט „זעלבסטבא־שטימונג“ בשום אופן נישט אַנערקענט. פאַרוואָס זאָל מען פאַר די אַראַבער אין

ארץ ישראל אנערקענען א רעכט, וועלכע מיר לייקענען אפ פאר אנדערע פעלקער אין אנדערע לענדער. אויב די אראבישע פירער זיינען גערעכט מיט זייער פארלאנג צו פארווערן די אידישע אימיגראציע, זיינען די קו־קלוקס־קלעניקעס אין אמעריקע גערעכט, וואס זיי ווילן האבן די בלויז „הונדערט־פראצענטיקע".

די אראבער האבן זיכער רעכט אויף ארץ ישראל. זייערע רעכט שליסן אבער נישט אויס דאס אידישע רעכט צו קומען אין לאנד און זיך דארט צו באזעצן.

אויב די הסכמה פון ארטיקע איינוואוינער זאל זיין דער ענטשיידענער תנאי פאר אידישער קאלאניזאציע וואלט די סאוועט־רעגירונג קיינמאל נישט אנגעפירט קיין אידישע קאלאניזאציע אין קרים. ס'איז א פאקט, אז ארטיקע טאטארן זיינען קיינמאל מיט דעם נישט געווען צופרידן, און אייניקע טאטארישע קאמיסארן האבן אפילו אנגעפירט קעגן דעם א באדייטנדע אבסטרוקציע. עס איז נויטיק געווען די גאנצע ענערגיע פון דער שטארק צענטראליזירטער סאוועטישער מלוכה, כדי אידן אין קרים זאלן קריגן די באדנס אין וועלכע זיי נויטיקן זיך.

נאטירלאך האבן די קרימער טאטערן נישט געהאט קיין מעגלאכקייט צו ארגאניזירן זייערע אייגענע „קריסטלאך־מוסעלמאנישע" קאמיטעטן, לויט'ן פאר־לעסטינער מוסטער, און זייער ווידערשטאנד קעגן אידישער קאלאניזאציע האט דעריבער זיך באשריינקט מיט אונטערערדישע אונטערפיסלאך, וועגן וועלכע נישט אלע אפילו ווייסן.

איך קאן זיך נישט פארשטעלן קיין לאגיק, מיט וועלכער מען קאן האלטן דעם אנטי־אידישן פארלאנג פון די ארץ ישראל'דיקע אראבער פאר גערעכט און רעוואלוציאנער. ווען מען באטראכט די זעלבע שטימונג צווישן קרימער טאטערן פאר שעדלאך און קאנטר־רעוואלוציאנער. מען טאר נישט מעסטן מיט צוויי מאסן. אויב מיר מעגן קאלאניזירן קרים און בירא־בידזשאן, נישט אנפרעגנדיק וועגן דעם פאראוים די ארטיקע טאטערן אדער קאזאקן, טא פארוואס טאר מען דאס נישט טאן אין ארץ ישראל?

נאטירלאך האבן מיר ביי אונזער באזעצן זיך אין ארץ ישראל געוויסע פליכטן בנוגע די דארטיקע אראבער. מיר מוזן אכטן זייערע רעכט, מיר דארפן זיי באהאנדלען ווי ברידער און אפגעבן זיי פולן כבוד און אנערקענונג.

ווען אידישע קאלאניזאציע אין ארץ ישראל וואלט מעגלאך געווען מיט'ן פרייז פון ארויסשטויסן אראבער און בעראבעווען ביי זיי זייער לאנד, וואלטן מיר זי מיט קיין שום היסטארישע רעכט נישט געקאנט פארענטפערן. היות אבער, אראבער האבן ביז אהער בלויז פראפיטירט פון אידישער קאלאניזאציע, איז נישטא קיין שום גרונד צוליב וואס סאציאליסטן זאלן זיין קעגן איר.

איך באשטעטיק דערמיט אלס אן עדות, אז די „פרייהייט", גייענדיק אין די פוס־שפורן פון אמאליקן בונד, האט געפירט א טאג־טעגלאכע העצע קעגן דער ליכטיקסטער דערשיינונג פונ'ם היינטיקן אידישן לעבן, קעגן דער קאלאניזאציע פון ארץ ישראל, באנוצנדיק דערביי פאלשע און נישט קיין געוויסנהאפטע ארגומענטן. די ארויסטרייבונג פונ'ם גיפט וועלכן מען האט דערמיט אריינגעשפריצט אין אידישע ארבעטער מוחות, איז אונזער הייליגסטע פליכט.

זאל די דאזיקע פארזאמלונג אין דעם מיטהעלפן. זאל זי זיין א מיטל מיט וועלכן מיר ריידן איבער די קעפ פון די „פרייהייט"־דעמאגאגן צו טויזנטער אידישע ארבעטער, וועלכע שטייען נאך אונטער דער השפעה פון אנטי־ציוניסטישע פאראורטיילן.

(שטארקע אפלאדיסמענטן)

פּאַרזיצער: די קאָמוניסטן און די „פרויהייט" האָבן גענומען זייער אַן אַקטיוון אנטייל ניט נאָר צו ענטוויקלען דעם בעסערן אידישן טעאטער, נאָר אויך צו שאפן אַן אייגענעם טעאטער, און מיר וועלן הערן וואָס איז געווען זייער ארבעט, זייער ווירקונג אויף דעם געביט פון דער אידישער קולטור. איך וועל ארויסרופן איינעם פין אונזערע גרעסטע מבינים — דר. א. מוקדוני. (שטארקע אפּלאָדיסמענטן)

דר. א. מוקדוני

מיין רעדע וועט זיין קורץ.

איך וועל ניט באַרירן די פראגע וועגן אידישן אימפּעריאַליזם; עס איז ווילד, משוגע צו באַשולדיקן אידן אין פּאַרכאַפּן לענדער און אין אונטערדריקן פעלקער, שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר, אַז מען טרייבט אידן פון לענדער.

אַ גרויס אידיש אומגליק האָט אונז צוזאַמענגעבראַכט אַהער; צוויי גרויסע פּאָגראָמען אויף אידן, צוויי, וואָרום אין דער צייט, ווען אין פּאַלעסטינע איז פּאָרגעקומען אַ ברוטאַלער און גרויזאַמער פיזישער פּאָגראָם, איז דאָ פּאָרגעקומען אַן ענלאַכער גייסטיגער פּאָגראָם — טויזנט אידן האָבן געשיקט אַ באַגריסונג צו די אַראַבער פּאָגראָמשטשיקעס.

געגן דעם פיזישן פּאָגראָם איז ארויסגעטראָטן די אידישע זעלבסט־שוץ און אַ דאַנק דער דאָזיקער העלדישער זעלבסטשוץ איז אַ גרויסער און וויכטיקער אידישער ישוב געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פולשטענדיקער שחיטה.

קעגן דעם גייסטיגן פּאָגראָם, קעגן די, וועלכע ברידערן זיך מיט דעם גרויזאַמען מאָב, וואָס האָט געשאָכטן אַלטע, קינדער און פרויען, מוזן מיר אויך האָבן אַ זעלבסטשוץ.

אַ זעלבסטשוץ פּאַר אויסערלאַכע איבערפאַלן און אַ זעלבסטשוץ קעגן אינערלאַכע פאַררעטער, דאָס איז אייגנטלאַך דער צוועק פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג.

אונזער זעלבסטשוץ קעגן אייגענע פאַררעטער, די יעווסעקן, דאַרף באַשטיין אין אויפדעקן די פאַלשקייטן, די ליגנס אין דער טעטיקייט פון די יעווסעקן אויף אַלע געביטן.

און עס איז ניט שווער צו טאָן עס; זייערע פאַלשקייטן און ליגנס שטעכן ממש די אויגן, זיי נאַרן אָפן און ציניש אָפּ די אידישע אַרבעטער.

ווער פון אייך ווייס ניט, למשל, אַז אין רוסלאַנד איז געשאַפן געוואָרן דער אמת'ער, עכטער אידישע פּראָלעטאַרישער טעאַטער?

אַכט יאָר האָט מען געשריען און געליאַרמט וועגן דעם דאָזיקן גרויסן אויפטו.

דער דאָזיקער טעאַטער האָט אָפּגעקאָסט דער סאָוועטישער רעגירונג שווערע מיליאָנען, דאָס איז געווען אזוי צו זאָגן דער מוסטער פון אַ פּראָלעטאַרישן אידישן טעאַטער.

אַכט יאָר האָט מען וועגן דעם געשריבן, געטומלט און גע'יובלט.

משה ליטוואַקאָוו האָט אין יעדער אויפירונג ענטדעקט אוצרות פון פּראָלעטאַרישן גייסט.

און מיט אַמאָל, ממש איבער נאַכט, האָט מען זיך ארומגעזען, אַז דער דאָזיקער טעאַטער איז גאָר אינגאַנצן אַ בורזשואַזער.

איז איינס פון די ביידע:

אָדער מען האָט אַכט יאָר נאָכאַנאַנד באַוואוסטזיניק גענאַרט די אידישע אַרבעטער און מען האָט זיי אַ בורזשואַזן טעאַטער ארויסגעגעבן פאַר אַ פּראָלעטאַרישן, אָדער מען נאַרט זיי איצט; מען נעהמט אַ כשר'ן פּראָלעטאַרישן טעאַטער און מען קלערט אויף אים אוים אַ שאַנד־בלבול.

דער אמת איז, אז די יעווסעקן האָבן אַכט יאָר נאָכאַנאַנד געלייגט אומ־פאַרשעמט; דער דאָזיקער טעאַטער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין דער גערדיכטער בורזשואַזער טומאה.

ראשית — דער שעפער פון דעם דאָזיקן טעאַטער אַלעקסיי גראַנאָווסקי; ער איז אַן ארכי־בורזשואַזער טיפּ, ער האָט אין זיין לעבן ניט געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטער, ער אַליין איז אַ זונדל פון רייכע עלטערן און ער איז עס געבליבן ביז היינטיקן טאָג.

צווייטנס, די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון טעאַטער און דערהויפּט דער תוך פון דער טעאַטער איז אַ בורזשואַזער.

עס איז אַ טעאַטער פון בלויזער פאָרם, פון ראַפינירטער פאָרם; און די פאָרם אַליין איז ניט נאַטירלאַך ארויסגעוואַקסן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן טעאַטער, זי איז זייער געשיקט צונויפגעזשעברעוועט פון דער פרעמדער, פון די אַלע איבערגעשפּיצטע פרעמדע טעאַטער־פאָרמען.

כדי צו יוצא זיין פארן קאָמוניזם פלעגט מען אין יעדער אויפפירונג אריינברענגען אַ שטיקל אַגיטאַציע און אַביסל אויסלאַכעניש פון דער אַלטער „געשטאָרבענער" אידישער וועלט.

און דאָס האָט מען אריינגעשמוגלט דוקא אין שלום־עליכם׳ס טעאַטער־שטיק, מען האָט שלום־עליכם׳ן פאַריעווסעקעוועט, שלום־עליכם איז געוואָרן דער קברן פון אידישקייט און פון דעם אידישן בורזשואַזן קלאַס, וואָס וויל מיט דער דאָזיקער אידישקייט פאַרבלענדן דעם אידישן אַרבעטער קלאַס און פאַרשקלאַפן אים.

און אזוי האָט מען געטאָן מיט אַנדערע אידישע דראַמאַטורגן.

אָבער די יעווסעקן האָבן געפּויקט, אַז עס איז פּראָלעטאַריש, אַז עס איז עכטע פּראָלעטאַרישע קונסט.

ווען דער דאָזיקער טעאַטער האָט געמאַכט אַ טור איבער די אידישע שטעט איז אים נאָכגעפאָרן דער באַקאַנטער ליטוואַקאָוו און האָט פון יעדער שטאָט געשריבן, אַז די אידישע אַרבעטער האָבן דערקאַנט זייער טעאַטער אויף וועלכן זיי האָבן אזוי לאַנג געוואַרט, די בירגערלאַכע עלעמענטן זיצן אין טעאַטער און גלאָצן מיט די אויגן, זיי געפעלט ער ניט, פאַרשטייט זיך, ווייל דאָס איז ניט זייער טעאַטער, עס איז דער טעאַטער פון דעם אידישן אַרבעטער, אַביין פון זיינע ביינער, אזוי האָט בפירוש געשריבן משה ליטוואַקאָוו.

אַכט יאָר האָט עס געדויערט, אוצרות מיט געלט האָט דער דאָזיקער טעאַטער אויפגעגעסן, אָבער עס איז ווערט געווען, דער אידישער אַרבעטער האָט געשאַפן זיין אייגענעם טעאַטער.

אַ חידוש איז מיר געווען כסדר — ווי אזוי איז עס דער מינסקער אַרבעטער געוואָרן אזוי ראַפינירט אין אַזאַ קורצער צייט, אַז אַ טעאַטער פון בלויזער פאָרם פאַרכאַפּט אים אזוי; אַזאַ טעאַטער קאָן פאַרכאַפּן נאָר אַלטע, אַלטע טעאַטראַמאַנען, אַזעלכע שאַרפע געניסער פון טעאַטער, וואָס דאַרפן שוין האָבן עפּעס קעז מיט אַ ריח... ווי קומט דער נאַאיווער, פּשוט׳ער מינסקער אידישער אַרבעטער, וואָס האָט אַקאָרשט בכלל אָנגעהויבן באַזוכן טעאַטער, צו אַזאַ קינסטלעריש־איבערשפּיצטן טעאַטער?

איך האָב געוואוסט אַז מען שקרנ׳ט.

און דאָ פאַסירט פאָלגענדעס, דער דאָזיקער טעאַטער פאָרט ארויס אין אויסלאַנד באַווייזן פאַר דער גרויסער וועלט, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געשאַפן.

און דאָס איז געווען די בעסטע פּראָבע:

די אייראָפּעאישע בורזשואזיע איז צוגעפאַלן צום טעאַטער מיט אַזאַ פרייד און באַגייסטערונג, אַז זי האָט אָנגעפילט דעם טעאַטער ביי יעדער פאָרשטע־לונג. די בורזשואזע קריטיק האָט געלויבט דעם טעאַטער אין הימל אריין, זי, די בורזשואזיע האָט טאַקע דערקאַנט, באמת דערקאַנט, איר פאַרוואָגלט קינד, וואָס האָט געלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד אונטער א פרעמדן פּאַספּאָרט, אונטער אַ פראָלעטאַרישן נאָמען.

דייטשישע, פראַנצויזישע אַרבעטער האָבן אפילו ניט ארייננגעשמעקט אין דעם דאָזיקן פּראָלעטאַרישן טעאַטער.

און נאָך עפּעס; דאָ אין דער פרעמד האָט זיך אָפּן ארויסגעשטעלט די גאַנ־צע אינערלאַכע עקלדיקע בורזשואזישקייט פון דעם דאָזיקן טעאַטער. דער פּראָ־לעטאַרישער דירעקטאָר פון דעם פּראָלעטאַרישן אידישן טעאַטער האָט זיך ארומ־געריננגלט מיט אַ גרויסן סטעף פון פּובליסיטי אַגענטן, ער האָט פאַרנומען אַ גאַנצן אַפּאַרטמענט אין איינעם פון די גרעסטע האָטעלן, און דערשלאָגן זיך צו אַ אודיענץ ביים פּראָלעטאַרישן דירעקטאָר איז געווען שווערער ווי צום פּרע־זידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

דער טעאַטער האָט קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט מיט אַרבעטער און אַפילו ניט מיט די קאָמוניסטישע קאָכלעפל אין אויסלאַנד.

דער טעאַטער האָט געמאַכט די גלענצנדסטע געשעפטן; די בורזשואזיע קאָן צאָלן ווען איר געפעלט עפּעס אירס, איר ווייסט דאָך עס. און צום סוף האָט דער טעאַטער גאָר אַ דעפיציט פון 20 טויזנט דאָלאַר.

און צום סאַמע סוף האָט זיך דער פּראָלעטאַרישער דירעקטאָר מיט אַ טייל שוישפּילער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן צוריק אין רוסלאַנד און פירן ווייטער דעם פּראָלעטאַרישן טעאַטער.

מען האָט געשיקט אַ קאָמיסאַר און ער האָט צוריקגעבראַכט דעם פּראָלע־טאַרישן טעאַטער אין רוסלאַנד אָן זיין שעפער און דירעקטאָר.

וואָס איז דאָ געשען?

עס איז געשען דאָס איינפאַכסטע — מען האָט גענאַרט די אַרבעטער, מען האָט זיי פּשוט געבלאָפט.

און דער הויפּט־ליגנער און אָפּנאַרער איז געווען דער באַקאַנטער מ. ליט־וואַקאָוו.

און אין דעם זעלביקן „עמעס" אין וועלכן מען האָט אַכט יאָר געטרומיי־טערט וועגן דער פּראָלעטאַרישקייט פון דעם אידישן קאַמער־טעאַטער, שרייבט מען איצט מיט שוים אויף די ליפּן, אַז עס איז אַ בורזשואזער טעאַטער, אַז ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם אידישן אַרבעטער, מיט'ן פּראָלעטאַריאַט און בכלל מיט קאָמוניזם.

די היגע „פרייהייט" פלעגט כמעט אַלע וואָך אָפּגעבן דעם היגן אַרבע־טער זעהר אָפּטע גרוסן וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער, וויפיל קאָרעספּאָנדענציעס און שמועסן מיט'ן דירעקטאָר גראַנאָווסקי זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער דאָזיקער צייטונג. יעדע וואָך האָט איר געהאַט צו הערן נייס פון דעם דאָזיקן טעאַטער.

איצט — קיין וואָרט ניט, מען באַהאַלט פון דעם אידישן אַרבעטער די גאַנ־צע טרויעריגע געשיכטע.

און דער ליגנער און פאַרפירער ליטוואַקאָוו זיצט ווייטער אויף זיין אָרט און זאָרגט פאַר די פּראָלעטאַרישקייט פון דער אידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד.

די היגע קאָמוניסטן שטייען ניט אָפּ אין דעם פּרט פון זייערע חברים.

מען שרייט ווי באַנומענע קעגן שונד און אַליין איז מען מכבד דעם אַרבעטער מיט'ן ערגסטן שונד.

מען האָט אויפגעפירט דאָ פאַר די אַרבעטער אַ פיעסע, וואָס הייסט „מיט'ן ווילן פון פאָלק", איז עס שוידערלאַכער רויטער שונד. די דאָזיגע פיעסע איז איבערזעצט פון רוסיש דורך שכנא עפשטיין מיט אַ פאָררעדע פון אָלגין.

און וואָס איז אָלגינ'ס שטיק „איר פאַרברעכן" אויב ניט אַן עלנד שטיק שונד?

עס איז ליגנעריש דורך און דורך.

איר ווייסט מסתמא, אַז די קאָמוניסטן האָבן שוין אַן אייגענעם טעאַטער. דאָ נאַרט מען אָפּ און מען פאַרפירט די אַרבעטער אויפ'ן שענדלאַכסטן אופן: מען נעמט גוטע און שטילע אַרבעטער און מען שמועסט זיי איין, אַז זיי זיינען אַקטיאָרן, דאָ באַשאַפט מען בידים קאַליקעס, קריינקס און אויף אייביג פאַראומגליקטע מענטשן, איר ווייסט גאָרניט, וואָס אַן אומגליקלאַך באַשעפעניש עס איז איינער, וואָס גייט ארום און מיינט, אַז ער איז אַ קינסטלער און אַלע טירן זיינען פאַר אים פאַרמאַכט.

קומט ארויס אָלגין און צעשרייט זיך אין „פרייהייט", אַז דאָס איז ריינהאַרטס טעאַטער, נאָך בעסער, ווייל ער איז נאָך צו דעם נאָך פראָלעטאַריש.

ער ווייסט, אַז ער זאָגט א ליגן, ער וויל בלויז חנפה'נען, דער געבוירענער חונף. ער זאָגט ליגן, דאָס ווייסן די וואָס פירן אָן מיט דער סטודיאָ און די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר איר אויפטרעטן. ביי אַנדערע היגע קאָמוניסטן איז דער גאַנצער „אַרטעף" בלויז א מיטל פאַר קאָלעקשאָנס. דעם אומגעלומפּערטסטן וויץ האָב איך געזען אין אַ באַלעט אויפגעפירט פון דעם דאָזיקן אַרטעף, אין באַלעט איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן מלך עפשטיין מיט אַ קאָלעקשאָן פאַר דער „פרייהייט".

אין דער סטודיאָ לאָזט מען ניט צו קיין „פרעמדע לערער", אַלע מוזן זיין אייגענע, זיינען עמי־הארצים, פשוט'ע אַרבעטער, יוניאָן־אָרגאַניזערס די „פּראָפעסאָרן".

נאַרט מען דאָ אויפ'ן שרעקלאַכסטן אופן אָפּ די אַרבעטער.

ווארום „ספעצן" ווערן דאָך אפילו אין רוסלאַנד צוגעלאָזט.

עס גייט נאַרעריי אין מאָסקווע, פון דאָרט קייקלט עס זיך אהער און ווערט נאָך גרעבער.

און פון דעם ווערט אויפגעהאָדעוועט א מאַסע, וואָס הויבט די הענט פאַר אַ רעוואָלוציע צו באַגריסן די אַראַבער אין דער צייט, וואָס די הענט פון די דאָזיקע אַראַבער זיינען איינגעריכט אין אידיש בלוט.

צוויי פּאָגראָמען האָבן מיר איבערגעלעבט, איינעם אין פּאַלעסטינע און איינעם דאָ, קעגן ביידע דאַרפן מיר, מוזן מיר קעמפן מיט פאַרשיידענע געווערן.

פּ אָ ר ז י צ ע ר: חשובע פארזאמלונג, מיר וועלן שליסן דעם צעטל פון די עדות־עקספערטן, מיר האָבן דאָ אפילו מיט אונז נאָך איניקע וויכטיקע עדות, וואָס פארנעמען זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אונזער קולטור־וועלט און אין דער אידישער פרעסע. אוים מאנגל אין צייט מוזן מיר שליסן דעם צעטל פון די עדות־עקספערטן. איך וועל איצט געבן דאָס וואָרט צו פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, וועלכער וועט רעזומירן אין ענגליש די אַלע פאקטן פון דער אָנקלאגע און עדות־עקספערטן, כדי צו געבן א געלעגענהייט די פילע רעפּאָרטערס פון דער ענגלישער פרעסע זיך צו באקאנען מיט אַלע פאקטן וואָס זיינען דאָ היינט נאכמיטיק ארויסגעבראכט געוואָרן.

פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן האלט דאן זיין רעזומירונגס־רעדע אין ענגליש.

חבר לערער קריגט דאן דאָס וואָרט. (אפּלאָדיסמענטן).

ל. לערער

זייער געערטער פֿאַרזאַמלטע :

דער דאָזיקער משפּט באַשעפֿטיקט זיך מיט אַן ענין, וואָס איז באמת מסוגל אַרויסצורופֿן אויפֿרעגנדיקע געדאַנקען און בייזע געפֿילן, און וואָלט דער באַשולדיקער געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס מען טוט געוויינטלאַך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, וואָלט ער זיך באַנוצט מיט היציקע רייד און גראָבע זידל־ווערטער אויפֿ׳ן חשבון פֿונ׳ם באַשולדיקטן צד, — דעמאָלט וואָלט דאָס בלויזע וואָרט „פּאַרטיידיקער“, וואָס איז צוגעטשעפּעט צו מיין נאָמען, אַרויסגערופֿן אַזעלכע פּראָטעסטן קעגן מיר מצד דעם עולם, אַז ווער ווייס, צי איך וואָלט געהאַט אַ פֿיזישע מעגלאַכקייט עפּעס צו זאָגן. גליקלאַכערווייז איז דאָס אַזוי ניט פֿאָרגעקומען. דער אָנקלעגער האָט אויף קיין איין רגע ניט באַמיט זיך צו דערוועקן ווילדע אויסברוכן. ער האָט כסדר אָפּערירט מיט קאַלטע שטאַרנדיקע פֿאַקטן. דערמיט האָט ער געשאַפֿן אַן אַטמאָספֿערע, וואו מיר קענען זיך מיט קלאָרע קעפּ אַריינטראַכטן אינ׳ם גאַנצן ענין.

איך האָב ניט בדעה אָפּצולייקענען די פֿאַקטן, וואָס דער באַשולדיקטער האָט היינט פֿאַר אונז אַרויסגעבראַכט. מיט טיפֿן באַדויערן בין איך מודה, אַז זיי זענען פֿולשטענדיק אמת. אָבער די פֿאַקטן אַליין זענען דאָך נאָך ניט גענוג פֿאַר די צוועקן צוליב וועלכע דער אָנקלאָגער האָט זיי באַנוצט.

כדי עס זאָל זיין אַן אמת׳ער משפּט, דאַרף מען דערווייזן, אַז ס׳איז פֿאַראַן ניט בלויז אַ פֿאַרברעכן, נאָר אויך אַ פֿאַרברעכער. עס טרעפֿן דאָך אָפּטמאָל שרעקלאַכע זאַכן, פֿאַר וועלכע מען קען קיינעם ניט באַשולדיקן. דאָס קומט פֿאָר אין פֿאַלן, ווען דאָס אומגליק שטאַמט פֿון אַ צופֿאַל, פֿון אַ פּיצל קינד, אָדער פֿון אַ גייסטיק־צערודערטן מענטשן.

מיין פֿאַרטיידיקונג פֿון די קאָמוניסטן וועט זיין באַזירט אויף דעם פֿאַקט, וואָס זיי לעבן אונטער שרעקלאַכע באַדינגונגען אין אַ שרעקלאַכער וועלט, און ממילא איז ביי זיי פֿאָרגעקומען אַ סאָציאַל־פּסיכישע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס ווייזט זיך אַרויס מיט באַזונדער שאַרפֿקייט ביי די אידישע קאָמוניסטן.

מען דאַרף אויך וויסן, אַז אונזער לעבן פֿאַרמאָגט אין זיך אייגנאַר־טיקע באַדינגונגען, וואָס זענען מסוגל אַרויסצורופֿן אַזעלכע אומפֿאַרשטענדלאַכע דערשיינונגען, וואָס טרעפֿן זיך פֿיל זעלטענער ביי אַנדערע פֿעלקער. אין דעם זינען זענען מיר אַלע שולדיק אין די נעגאַטיווע האַנדלונגען פֿון די אידישע קאָמוניסטן ניט בלויז אין איצטיקן פֿאַל, נאָר אויך אין אַ סך אַנדערע פֿאַלן.

מען האָט דאָ געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז די קאָמוניסטישע האַנד־לונגען קענען דערקלערט ווערן דורך דעמאַגאָגיע אָדער ליגנס. וואָלט דאָס אמת געווען, זענען זיי, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרברעכער, און מען דאַרף זיי משפּט׳ן. אָבער איך קען באַין אופֿן ניט מסכים זיין, מען זאָל אַזעלכע אומ־געהייער קאָמפּליצירטע דערשיינונגען דערקלערן אויף אַזאַ צו־פּשוט׳ן אופֿן.

קודם־כל, עס איז אַ סך שווערער צו זיין אַ דעמאַגאָג און זאָגן ליגנס, ווי זיין ערלאַך און זאָגן דעם אמת. עס איז כמעט אוממעגלאַך צו לעבן אין אַ פּרעמדער ראָלע — צו פּריידיקן דאָס, פֿון וואָס מען האַלט ניט, צו זאָגן דאָס, אין וואָס מען גלויבט אַליין ניט — גאַנצע פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין טאָג, און גאַנצע 365 טעג פֿון יאָר. דערצו דאַרף מען זיין ממש אַ געניאַלער מענטש. און איך מוז אָפֿן מודה זיין, וואָס איך זאָל ניט טראַכטן פֿון די אידישע קאָ־מוניסטן, קיין געניאַליטעט קען איך זיי בשום אופֿן ניט צושרייבן. ביי מיר איז קיין ספֿק ניט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גרופּע, וואָס איז, צוליב פֿאַרשידענע סיבות, געוואָרן פּסיכיש דעזאָרגאַניזירט.

איך שטעל מיר פאָר, אַז דעם באַגריף פון אַ סאָציאַלן פּסיכאָז וועט ניט זיין אַזוי לייכט צו פאַרשטיין. וואָרים בעת מיר רעדן וועגן אומנאָרמאַלע פּסיכישע האַנדלונגען, האָבן מיר תמיד אין זינען איינצלנע מענטשן. דעריבער ווען איך רעד וועגן אַ קאָמוניסטישער גייסטיקער אומנאָרמאַלקייט, קען עס מאַכן דעם איינדרוק, אַזוי ווי איך מיין צו זאָגן, אַז יעדער איינצלנער קאָמוניסט איז ניט ביים זינען. דאָס וואָלט געקלונגען קאָמיש, און איז ניט אמת. און אויב אַ קאָמוניסט וואָלט זיך פון אַזעלכע רייד באַליידיקט, וואָלט ער געוועזן גאַנץ גערעכט. איך מיין צו זאָגן, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פּסיכישער דעזאָרגאַניזאַציע פון אַ גרופּע, בעת זי האַנדלט ווי אַ גרופּע, וואָס דאָס האָט גאָר ניט קיין שייכות צום פּסיכישן צושטאַנד פון יעדן איינצלנעם מיטגליד, בעת ער האַנדלט ווי אַן איינצלנער.

ווען מיר זעען, למשל, ווי אַ ווילדער המון לינטשט אַ נעגער, און מען ווייזט דערביי אַרויס אַן אוממענטשלאַכקייט, וואָס פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן, ווען מען זעט דאָס, קען מען מיינען, אַז אָט דער המון באַשטייט פון די געמיינסטע מערדער און גרויזאַמסטע מענטשן. אָבער אַזוי שנעל ווי דער בלוטיקער אַקט איז פאַרענדיקט, און יעדער פון׳ם המון גייט זיך אַוועק אויף זיין באַזונדער וועג, וועט איר, צו אייער גרעסטן וואונדער, אויסגעפינען, אַז זיי זענען על פּי רוב געוויינטלאַכע מענטשן מיט ניט־ווינציקער מעלות און ניט מער חסרונות ווי יעדער איינער פון אונז האָט.

יעדע פּסיכישע אומנאָרמאַלקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ קריזיס. עס מוז פאָרקומען אין דער נשמה אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי כחות, צווישן וועלכע עס קען קיין אויסגלייך ניט זיין. און ווען אַזאַ קאָנפליקט קומט פאָר אינ׳ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון אַ מענטשן, אין פאַרבינדונג מיט אַ גרופּע, מיט וועלכער ער אידענטיפיצירט זיך, דעמאָלט קען ער האַנדלען ווי אַן אמת׳ער גייסטיק־קראַנקער בעת ער איז אין דינסט פון זיין גרופּע כאָטש אין אַלע אַנדערע ענינים קען זיין פּסיכישער צושטאַנד בלייבן אומבאַרירט. אַפילו אַן אויבערפלעכלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט די פאַרשידענע עפּיזאָדן פון מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאַניקס, רעליגיעזע אופשוואונגען, באַווייזן, אַז אַ סך מאָמענטן אין אָט אַזעלכע געזעלשאַפטלאַכע אויסברוכן שטעלן מיט זיך פאָר דעזאָרגאַניזירטע גייסטיקע ווענדונגען. מען קען נאָך צוגעבן, אַז די סימפּטאָמען פון געוויסע קאָמוניסטישע האַנדלונגען מאַכן אָפט אַ קלאָרן איינדרוק פון אַ רעליגיעזן פּסיכאָז.

אויב ביי די אידישע קאָמוניסטן ווייזן זיך די סימפּטאָמען אַרויס אַביסל שאַרפער, זענען דערין שולדיק די ספּעציעלע באַדינגונגען פון אונזער לעבן. דאָס אידישע לעבן איז שטענדיק אויפגעשטורעמט געוואָרן פון טיפע משיח־בענקשאַפטן און אויסלייזונג־אידעאַלן. אין דער איצטיקער צייט איז כמעט ניטאָ קיין איין גרופּע אין אידישן פאָלק, ביי וועלכער דער אויסלייזונג־אידעאַל האָט זיך אַריינגעגראָבן אַזוי טיף אין דער נשמה, ווי ביי דעם אידישן קאָמוניסט. יעדע רגע זעט ער, אין זיין נערוועזער ציטערדיקייט, אַז זיין אידעאַל שטייט אין קאָן, ממילא פאַרלירט דעמאָלט זיין שכל דעם געהעריקן ווידערשטאַנד, און ער ווערט ווי אַרויסגעריסן פון דער נאָרמאַלער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט.

אַחוץ דעם האָבן מיר אַלע אין זיך אַנטוויקלט אַן איבער־סענסיטיווע קריטישע באַציאונג צו זיך אַליין. דאָס דריקט זיך אויס אין אַ געפערלאַכן אידישן אנטיסעמיטיזם, פון וועלכן קיינער פון אונז איז ניט פריי. איך בין זיכער, אַז אַ סך פון די, וואָס זענען איצט דאָ פאַראַן, האָבן שוין מער ווי ביי איין געלעגנהייט געשריבן און דערקלערט, אַז די אידישע בורזשואַזיע איז די ערגסטע, אַז דער אידישער קליינבירגער איז דער עקלדיקסטער, דער ווערעמ־

דיקסטער, פונקט ווי איך האָב דאָ היינט געהערט, אַז די אידישע קאָמוניסטן זיינען די ערגסטע. בלויז אין דער אידישער ליטעראַטור, בלויז אין אַזעלכע האַרציקע טיפּן, ווי טביה דער מילכיקער, קענען מיר זעען ניט בלויז די אומגליקלאכע פרנסות פון אונזערע קליינבירגער, נאָר אויך זייערע סימפּאַטישע נאַטורן. אָבער אין לעבן, ווען מען הערט נאָר בלויז שלעכטס און שלעכטס, און ווען מען האָט נאָך אויך אין זינען אַז דאָס איז דער רוב מנין און רוב בנין פון אונזער פאָלק — דעמאָלט זע איך ניט איין, ווי מען קען אויסמיידן פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַ גאַנץ ערנסטן אָנפאַל פון אַנטיסעמיטיזם.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז מען זאָל ביי אונז צוקומען צו אומנאָרמאַלע אויסברוכן אַנטקעגן זיך אַליין. דערצו דאַרף מען נאָך אויך צורעכענען דעם וויכטיקן פאַקט, וואָס אין אונזער לעבן פעלן צוויי גרויסע קאָנטראָל־מאָמענטן, וואָס אינ׳ם לעבן פון אַנדערע פעלקער שפּילן זיי אַן אומגעהייערע ראָלע.

קודם כל, דער צושטאַנד פון אונזער רעליגיע. פון איין זייט זענען מיר ארומגערינגלט פון אַ פאַרגליווערטער, פאַרהאַרטעוועטער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איר זענען אינגאַנצן פרעמד די פאָדערונגען פונ׳ם מאָדערנעם לעבן. ממילא קענען זיי קיין שום איינפלוס ניט האָבן אויף דער וואַקסנדיקער יוגנט. פון דער אַנדער זייט, האָבן מיר א רעפאָרמירטע רעליגיע, וואָס זוכט שוין דוקא יאָ זיך צוצופּאַסן צו די פאָדערונגען פון צייט און פּלאַץ, איז זי אָבער אין גייסט אונז לגמרי פרעמד. זי באַוועגט זיך בלויז אויף דער ראַנד פון דער אידישער וועלט, ממילא קען זי אויך ניט האָבן קיין שום ווירקונג אויף די געזעלשאַפטלאכע פּראָצעסן פון אונזער לעבן.

נאָך א קאָנטראָל־מאָמענט פעלט אונז, דאָס איז אַן אַקאַדעמישע סביבה. ביי אַנדערע פעלקער זענען פאַראַן לערן־אינסטיטוציעס, לאַבאָראַטאָריעס, מוזעאומס, אוניווערזיטעטן פאָרשונגס־עקספּעדיציעס און ענלאַכע אינסטיטוציעס, וואָס קאָנטראָלירן און אָרגאַניזירן די גייסטיקע פּראָדוקטן פון פאָלק. זיי אַנאַליזירן באַגריפן, באַלויכטן פאַקטן, וועקן ספקות, אַנטוויקלען טעאָריעס. אויף אַזאַ אופן קומען אַריין אין דער וועלט פונ׳ם מאַסן־מענטשן די נייע געדאַנקען און לויטערע אידעען פון דער בליענדיקער קולטור. די דאָזיקע אינסטיטוציעס צווינגען אונז ניט, מען זאָל אָננעמען דאָס, וואָס זיי פּרעדיקן, אָבער אונדירעקט צווינגען זיי, אַז מען זאָל זיך פאַרטראַכטן און מיט זייער הילף וואַקסט לאַנגזאַם אַרויס דער מאָדערנער אינטעלעקטועלער מענטש.

ביי אונז, וואו דאָס אַלץ איז נישטאָ, וואו עס פעלן וויכטיקע קאָנטראָל־מאָמענטן אין סאָציאַלן לעבן, קאן יעדער היסטערישער לאָזונג און יעדע אויפּברויזנדיקע פראַזע לייכט אַראָפּפירן טויזנטער מענטשן, ניט בקויז פון וועג, נאָר אויך פון זינען.

דאָס האָט ממילא געמוזט פירן דערצו אַז אַ רעליגיעזער פסיכאָז אין דער פאָרם פון אַ קאָמוניסטישן קאָמפּלעקס זאָל אין דער אידישער סביבה אָננעמען באַזונדערס מורא׳דיגע פאָרמען.

עס זענען פאַראַן דריי הויפּט־באַדינגונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן יעדן אומנאָרמאַלן פסיכישן צושטאַנד.

ערשטנס, ווערט דעמאָלט דער פאַרנעם פון דער אויפמערקזאַמקייט זייער שמאָל און באַגרענעצט. יעדן פון אונז איז דאָך באַקאַנט דער מאַניאַק, וואָס באַטראַכט יעדן מענטשן ווי זיין שונא, און יעדע באַוועגונג איז, דוכט זיך אים אויס, געצילט קעגן אים. ער קען בלויז זען זאַכן, וואָס האָבן א שייכות צו זיין קרענקלאַך געמיט און איז בלינד און טויב צו די ברייטערע אינטערעסן פון דער וועלט .צווייטנס, פירט ער דורך זיינע האַנדלונגען ריין מעכאַניש,

אזוי ווי ער וואלט קיין אייגענעם ווילן ניט געהאט. ער טוט זאכן, ניט ווייל ער האט זיי דורכגעטראכט, נאר ווייל עס ליגט שוין אזוי אין זיין טבע. דער־פאר טאקע איז אזוי לייכט צו היפנאטיזירן א היסטעריקער. ביי אים פעלט דער געוויינטלאכער מענטשלאכער ווידערשטאנד. קוים געלינגט נאר דעם דאקטאר צו געווינען זיין צוטרוי, ווערט ער ווי ליים אין זיין האנט און ער קען פון אים מאכן וואס ער וויל. דריטנס, דער פסיכיש־קראנקער מענטש רינגלט זיך ארום מיט געוויסע סימבאלן פון ווערטער, אדער זאכן, און הערנדיק זיי אדער קוקנדיק אויף זיי, פאלט ער אריין אין אן אויסברוך פון זיין ספעציפישער חולאת.

ביי די קאמוניסטן ווייזן זיך ארויס גאנץ קלאר די דריי סימפטאמען אין א סך פון זייערע רייד און מעשים. זייער פסיכישער פארנעם גייט א האר ניט ווייטער פון געוויסע בוך־טעאריעס און אנווייזונגען פון אויטאריטעטן. אט, למשל, דערציילט אונז דער „עמעס“, אז מארשאל איז אריינגעטראטן אין דער „אידישער אגענטור“, ווייל ער האפט דורך דעם צו מאכן פאלעסטינע פאר א קאלאניע פון די פאראייניקטן שטאטן.

אזא קינדיש־לעכערלאכער חשד קען באין אופן ניט באטראכט ווערן ווי א מוסטער פון דעמאגאגיע אדער ליגן. מען דארף קיינמאל ניט פארגעסן, אז צווישן די קאמוניסטן ארבעטן מענטשן, וואס אין זייער ערלאכקייט און אויפ־ריכטיקייט קאן קיין שום ספק ניט זיין. אזא ווילקייט אליין מקריב צו זיין פאר דער אידייע — ווי מען זעט עס ביי זיי — לאזט זיך ניט דערקלערן דורך טונ־קעלע חשדים. אחוץ דעם איז די מארשאל־טעאריע אזא אומזיניקע, אז קיין פארשטענדיקער דעמאגאג וואלט זיך מיט איר ניט באנוצט. אבער דער גאנ־צער עפיזאד לייגט זיך פיל לייכטער אויפ׳ן שכל, ווען מען פאסט אים אויף ווי א פראדוקט פון אן אומנארמאלן שמאלן פסיכישן פארנעם. זיי קענען פשוט די זאך אנדערש ניט זען. ווארים אויב מארשאל טוט עפעס, מוז עס דאך זיין קאפיטאליזם; אויב קאפיטאליזם, מוז עס שוין זיין אימפעריאליזם; אויב אימפעריאליזם, הייסט עס דאך שוין אפנעמען פאלעסטינע פאר אמעריקע.

דאס זעלביקע איז אמת וועגן דער מעכאנישער דורכפירונג פון האנדלונ־גען. דא ווייזט זיך באזונדערס ארויס די מורא׳דיקע אידישע שוואכקייט וואס ליגט אויף זיי פונקט ווי אויף אלע טיילן פון אונזער פאלק.

מיר ווייסן אז א סך קאמוניסטן פון אנדערע פעלקער זענען ארויסגע־טראטן פון דער פארטיי, ווייל זיי איז ניט געפעלן געווארן די טאקטיק פון קאמינטערן בנוגע דער וועלט בכלל, אדער בנוגע דעם ארבעטער־קלאס פון זייער אייגן פאלק. אויך ביי זיי זיינען האנדלונגען דורכגעפירט געווארן מעכאניש, לויט באפעל, אבער זייער אייגענער געזונטער שכל האט אויך אויף וויפיל עס איז געווען מעגלאך, זיך באטייליקט אין די אלע פראצעסן. און ווי נאר עס איז געקומען צו א קריטישן פונקט, האט ביי זיי זיך דערוועקט דער נאטיר־לאכער ווידערשטאנד פון א נארמאלער גרופע, און זיי האבן זיך אנטקעגן גע־שטעלט. ביי די אידישע קאמוניסטן איז אזא זאך ניט פארגעקומען. ביי זיי דערגרייכט די מעכאנישקייט צו א מדרגה, וואס מען קען זען בלויז ביי ווייט־אנטוויקלטע פסיכישע קראנקייטן. ווי היפנאטיזירטע גייען זיי נאך די סור־געסטיעס פונ׳ם „דאקטאר“ און זיינען גייסטיק צו־שוואך זיך קעגנצושטעלן.

איך רעכן, אז דאס איז דערפאר ווייל ביי אנדערע פעלקער איז גיכער פאראן אויף וואס זיך גייסטיק אנצושפארן. א בליק אויף זייער לאנד, פאלק און קולטור גיט זיי צו פילן, אז עס איז דא אויף וועמען זיך צו פארלאזן. דאס גיט צו גייסטיקן כוח בייצוקומען אייגענע שוואכקייט און אפצוהיטן די גאנצ־קייט פון נארמאלע פסיכישע פונקציעס. אבער די אידישע קאמוניסטן, אין

זייער רייסעניש צו אויסלייזונג, פילן, אז זיי מוזן זיך אינגאנצן אנשפארן אויף דער ניט־אידישער וועלט; אז זיי מוזן זיך פארוואנדלען אין מעכאנישע אויספירער, ווייל קיין אנדער אויסוועג איז ניטא.

ממילא איז קיין וואונדער, וואס אין די ערשטע טעג פונ׳ם פאלעסטינע אומגליק, בעת די נייס האט בלויז אנגערירט זייער געוויינטלאכע מענטשלאכע נייגיריקייט און מענטשלאכע געפילן, האבן זיי געהאנדלט און גערעדט ווי מיר אלע. אבער אזוי שנעל ווי א העכערע אויטאריטעט האט אוועקגעשטעלט די געשעענישן אין די ראמען פון קאמוניסטישן קאמפלעקס, ווען עס איז נייטיק געווארן צו האבן ניט קיין מענטשלאכע ב א צ י א ו נ ג, נאר א פארטיי־ש ט ע ל ו נ ג, האבן זיך אונזערע אידישע קאמוניסטן פארוואנדלט אין איין גרויסן היפנאטיזירן פאציענט און געהאנדלט ווי אזעלכער. ווארים אויב ענגלאנד, איז שוין אויך אימפעריאליזם, זענען שוין די אראבער אן אויסדרוק פון דער אויסלייזונג־אידייע און מען דארף זיי באגריסן.

איך האב פריער דערמאנט, אז יעדער פסיכיש קראנקער באשאפט זיך סימבאלן, צייכנס פון ווערטער אדער זאכן, וואס אין זיי זעט ער די גאנצע וויכטיקייט פון זיין לעבן. אויך דאס, די דריטע באדינגונג, ווערט מיט דער גרעסטער פינקטלאכקייט פארטראטן אין דער פראקטיק פון די אידישע קאמוניסטן. די פריערדיקע רעדנער האבן פרובירט אנווייזן אויף דער פאלשער באשולדיקונג אין אימפעריאליזם, וואס מען שרייבט צו די ציוניסטן. זיי האבן עס געטאן דורך דעפינירן דאס ווארט אימפעריאליזם. אבער איך ווייס פון אן אנדער דעפיניציע — אימפעריאליזם איז א ווארט־סימבאל ארויסצורופן א היסטערישן אויסברוך. ביי די קאמוניסטן שפילן ווערטער, אפט גאנץ צעשוואומענע, און כמעט ווי גארניט־זאגנדיקע, אן אומגעהייערע ראלע.

דר. קארל יונג, פון ציריך, באנוצט זיך מיט אן אייגנארטיקער מעטאדע אויף אויסצוגעפינען די סיבות פון היסטערישע קראנקייטן. ער ווייזט זיין פאציענט א ריי ווערטער, זעט ביי וועלכע דער פאציענט פארהאלט זיך לענגער, ביי וועלכע עס קומט אים אן שווערער זיך צו קאנצענטרירן. אט די ווערטער האבן מסתמא א שייכות מיט די איבערלעבענישן, מיט וועלכע די היסטערישע אטאקע איז פארבונדן. נעמט, למשל, די ראלע פון מלחמה־ווערטער אין קאמוניסטישן לאגער. זיי שטרענגען זיך אן ארויסצורופן ביי זיך און ביי אלע אנהענגער די אילוזיע פון א שלאכטפעלד און ממילא זיך אריינצוארבעטן אינ׳ם געמיט־צושטאנד פון א מלחמה־פראנט.

לייענט, איך בעט אייך, די עטלאכע ווערטער פון „מארגן־פרייהייט“ אין שייכות צו די פאלעסטינע געשעענישן און באמערקט ספעציעל די מלחמה־טערמינען :

„די „מארגן־פרייהייט“ האט די קאמפאניע דורכגעפירט מיט קראפט. די קאמפאניע איז נאך ניט געענדיקט. ניט אלע אטאקעס זענען שוין ענדגילטיק צוריקגעשטויסן. מיר געפינען זיך נאך אין א פארשארפטן קריגס־צושטאנד, אבער מיר קענען שוין אונטערפירן א דערוויילטיקן סך־הכל פון די ביז־איצטיקע שלאכטן.

„די הויפט־ארמיי פון דער „מארגן־פרייהייט“ איז געבליבן אומבארירט. די קאמוניסטישע קאדרען, סיי פארטיי־מיטגלידער, סיי נאענטע סימפאטיקער האבן נאך פארשטארקט זייערע רייען, פארפעסטיקט זייערע פאזיציעס... זיך אנגעשלאסן אין קאמפס־פראנט מיט פארטאפלטן מוט. דאס האט מעגלאך געמאכט שוין באלד פון אנפאנג איבערצוגיין אין דער אפענסיווע.

„פונם איצטיקן קאמף וועלן מיר ארויסגיין שטארקער און
שטארקער. מיר וועלן האבן דורכגעגאנגען א שול פון קריזיס־צייט.
אידעאלאגיש געווינען מיר. עקאנאמיש האבן מיר נאך ניט צוריקגעוואו־
נען אונזערע פאר־מלחמה'דיקע פאזיציעס".

אזוי זעען מיר, אז די קאמוניסטן האבן אין אן אינטענסיוון פסיכאז
זיך ארייגעלעבט אין א פאנטאסטישער וועלט. זיי זעען ניט זאכן אזוי ווי
זיי קומען פאר. זיי הערן אילוזארישע קלאנגען. פון זייערע רייד דוכט זיך
אפ, אז בעת זיי האנדלען ווי איין גאנצקייט, ווערן זיי ארומגערינגלט פון הא־
לוצינאציעס פון וועלט־רעוואלוציעס, פון באפרייאונג־מלחמות, א. ד. ג.

איז דען א וואונדער, וואס אין אזעלכע מאמענטן ווערן זיי אויפגע־
טרייסלט ביז אין דער טיפעניש פון א קראנקער נשמה, ווען זיי דערהערן, אז
מען קען אין זינען האבן נאציאנאלע מאטיוון, אדער געווייגטלאכע מענטש־
לאכע מאטיוון? ווען זיי זעען אין יעדן אינטערנאציאנאלן טומל א וועלט־
רעוואלוציע, ווי קאנען זיי דעמאלט פארנעמען די געשרייען פון אומשולדיק־
געשאכטענע, ווען אפילו די דאזיקע זענען אידן?

איך האב אפט דעם איינדרוק, אזוי ווי זיי וואלטן געזעסן ארום א טיש
און אנגעשטרענגט געווארט אויף דער בשורה פון א וועלט־איבערקערעניש.
דאס דערמאנט מיך אן א חסידישן רבי'ן. ער פלעגט זיך א טרייסלנדיקער
אויפכאפן יעדן אין דער פרי, אפגיסן נעגל־וואסער, אנקלאפן מיט'ן שטעקן אין
דער טיר און ארייגרופן דעם משמש: „אפרים, איז ער שוין געקומען?"

אויך זיי קלאפן יעדן טאג מיט'ן שטעקן אין דער טיר און פרעגן, צי
„ער" איז שוין געקומען. און ווען די פאלעסטינע־געשעענישן זענען ארייגגע־
שטעלט געווארן אינ'ם קאמוניסטישן קאמפלעקס, האבן זיי — אין זייער רע־
ליגעזן פסיכאז — גלייך דערפילט, אז „ער" איז שוין דא. אט זענען מיר
שוין אויסגעלייזט. צו וואס, הייסט עס, זיך אפשטעלן אויף דעם ביסל פאר־
גאסענעם בלוט פון אייגענעם פאלק, בעת אונזער אלעמענס משיח איז שוין
דא.

עס קען אויסקוקן מאדנע, ווען מענטשן קענען פעלשן נייס, אונטערשאצן
די גרויס פון א שרעקלאכער מענטשלאכער טראגעדיע, ניט ארויסווייזן דעם
מינדסטן צער איבער דעם, און דאס אלץ אין א לײדנשאפטלאכן פארלאנג די
זעלביקע קרבנות אויסצולייזן. דאס זעט אויס ווי א שרעקלאכע סתירה. אבער
דאס איז אייגנטלאך די פסיכאלאגיע פון א סך זעלבסטמארדן. אפט מאכט
זיך, אז א מענטש באגייט זעלבסטמארד, כדי זיך צו ראטעווען; ער הענגט זיך,
אדער טרינקט זיך, כדי זיך צו ראטעווען פון אן אומגליק, וואס זיין לעבן, פילט
ער, קען ניט אריבערטראגן. און אויב נאך דעם ווי ער האט דורך זעלבסטמארד
זיך „געראטעוועט", איז שוין ניטא ווער עס זאל זיך פרייען מיט זיין גליק. דע־
רין איז ער ניט שולדיק. מען קען זיך ניט העלפן, ווען לאגיק און פסיכאלאגיע
גייען ניט אלעמאל צוזאמען. אונזערע אידישע קאמוניסטן געפינען זיך, לײ־
דער, אין אזא צושטאנד, ווען לאגיק און פסיכאלאגיע גייען אפט ניט צוזאמען,
און ווען פסיכאלאגיע זיגט, איז דאס על פי רוב א גרויסער צער, אבער וואס
קענען מיר טאן, אחוץ באדויערן?

זיי זענען פלייש פון אונזער פלייש און בלוט פון אונזער בלוט. דארף זיך
נאך טיפער ארויסווייזן אונזער באדויערן, אבער ניט מער, זיכער ניט משפט'ן.
און אויב מען זאל אננעמען דאסווארט „משוגעים" ניט ווי א באליידיקונג־
ווארט, נאר ווי אן אויסדרוק פון פסיכיש דעזארגאניזירטער האנדלונג, דעמאלט
מוז איך זאגן, אז עס איז נאך קיינמאל ניט געהערט געווארן אין דער גאנצער
געשיכטע פון יוסטיץ, מען זאל משפט'ן א משוגעים־הויז.

רעזאָלוציע אָנגענומען אויף דער ארבעטער פאַרזאַמלונג זונטיק, דעם 22טן סעפּטעמבער, 1929

„מיר, די אידישע ארבעטער, פאַרזאַמלט אויפן רוף פון דעם ניו יאָרקער שטאָט קאָמיטעט פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד, זונטיק, דעם 22טן סעפּטעמבער, 1929, אין סענטראַל אָפּערא הויז, צו א משפּט איבער די קאָמוניסטן אין אַמעריקע און זייער פּרעסע, ספּעציעל די „מאָרגן־פרייהייט“, דערקלערן :

אויסהערנדיק די באַשולדיקונג, די פאַרטיידיקונג און די עקספּערטן־עדות, צווישן וועלכע עס זיינען אויפגעטראָטן פאַר אונז שאַפער פון אונזער אידישער קולטור, פאַרטרעטער פון דער פּרעסע, ארבעטער־פירער, און געזעלשאַפטלאַכע טוער, וועלכע האָבן געבראַכט גענוג באַווייזן, באַשטעטיקט דורך א רייע אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, אז די קאָמוניסטן און זייער פּרעסע, האָבן אויף א מורא׳דיקן אופן פאַרראַטן די אידישע ארבעטער מאַסן און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

אין די לעצטע בלוטיקע פאַסירונגען אין ארץ ישראל האָבן זיך די אידישע קאָמוניסטן געשטעלט אויף דער זייט פון די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן זיך פאַרבונדן מיט די פינסטערע עלעמענטן פון די אַראַבער און די אונטערדריקער פון די אַראַבישע מאַסן, און האָבן אָנגעפירט א ווילדע העצע צו פּאָגראָמען.

זיי האָבן אבזיכטלאַך און בייזוויליק פאַלספיצירט די ידיעות פון ארץ ישראל, און האָבן אויסגעשטרעקט זייערע פאַררעטערישע הענט צו די בלוטדורשטיקע פירער פון די אַראַבישע כוליגאַנעם מיט׳ן צוועק ארויפצוּווארפן די שולד פון די פּאָגראָמען אויפ׳ן אידישן ישוב און אויך אויף דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, וועלכע דערהויבט דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון די אַראַבישע מאַסן און איז די פאָרקעמפערן פאַר די סאָציאַליסטישע אידעאַלן — צו בויען ארץ ישראל אלס א אידישע נאַציאָנאַלע היים אויף אַרבעטער יסודות.

ס׳איז אויך באַוויזן און באַשטעטיקט געוואָרן, אז די דאָזיקע פאַררעטערישע שטעלונג פון די אידישע קאָמוניסטן איז ענג פאַרבונדן מיט דער פאַרברעכערישער הפקרות, וועלכע זיי האָבן שטענדיק ארויסגעוויזן צו אלע דערשייונגען אין אידישן לעבן. זיי האָבן דעמאָראַליזירט די רייען פון די אידישע ארבעטער־מאַסן, זיי האָבן פאַרשפּרייט אסימילאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער, זיי האָבן דעמאָראַליזירט די פּרעסע און אַראָפּגעזונקען דעם קולטור־מצב פון די אידישע מאַסן. זיי האָבן פאַרלוימדעט אונזערע בעסטע קולטור שאַפער, און האָבן פאַרשפּרייט די נידערטרעכטיקסטע רכילות איבער די וואָרטזאָגער פון דער אידישער קולטור און אידישע אַרבעטער פירער. זיי האָבן געבראָכן שולן, גייסטיק פאַר׳סם׳ט קינדער, וואולגאַריזירט די אידישע שפּראַך, און אַלעס, וואָס איז הייליק און טייער די אידישע אַרבעטער מאַסן.

מיר, די אידישע אַרבעטער, פאַרזאַמלט היינט אויפ׳ן משפּט, דערקלערן פייערלאַך, אז זיי זיינען שולדיק אין די אלע אויסגערעכנטע פאַרברעכנס“.

„מיר פאַרדאַמען זיי און שטעלן זיי מחוץ פון דער אידישער אַרבעטער און געזעלשאַפטלאַכער עפנטלאַכקייט. מיר רופן די אידישע קולטור וועלט צו פאַראייניקן זיך מיט אונז אין דעם אורטייל, וואָס איז א רעזולטאַט פון אונזער הייליקסטן גלויבן אין דער אידישער קולטור, אין די אידישע מאַסן, און אין דעם אידישן פאָלק בכלל.

מיר, דאָ פאַרזאַמלט, פאַרפליכטן זיך דעם משפּט און דעם אורטייל ברייט און ווייט צו פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער אידישער אַרבעטנדער וועלט, און מיר זיינען זיכער, אַז אונזער אורטייל איז אין אנקלאַנג מיט די העכסטע באַגריפן פון מענטשלאַכן פּראָגרעס, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און אַרבעטער סאָלידאַריטעט”.

פּ אָ ר ז י צ ע ר : ווער ס'איז פאַרן אורטייל זאָל זאָגן : יע. די גאַנצע פאַרזאַמלונג ענטפערט מיט דונערנדן: יע. פּאָרזיצער: ווער ס'איז קעגן דעם אורטייל זאָל זאָגן: ניין. — קיינער ענטפערט ניט. פּאָרזיצער: דער אורטייל איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

איצט, דערלויבט מיר פאַר אייך פאָרצולייגן נאָך אַ רעזאָלוציע. ס'האָט ניט צו טאָן מיט'ן משפּט, נאָר מיט די פּאַסירונגען אין ארץ ישראל. איידער איך וועל פאָרלייגן די רעזאָלוציע וויל איך דערקלערן און איך בין זיכער, אַז איך דריק אויך אויס אייער איבערצייגונג, אַז ס'איז אַ בלוטיקער ליגן צו זאָגן, אַז מיר ווילן קריג מיטן אַראַבישן פאָלק אָדער מיט די אַראַבישע מאַסן. שטייענדיג ביי די פרישע קברים און אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון קינדער, פרויען, זקנים און העלדן, שטרעקן מיר אויס אַ האַנט פון שלום צו די מאַסן פון אַראַבישן פאָלק (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן). מיר קומען צו זיי מיט שלום אין האַרצען און אַ גרויסן אידעאַל פאַר די אויגן, און קיין זאַך אויף דער וועלט וועט אונז ניט אָפּהאַלטן פאָרטצוזעצן די הייליקע אַרבעט פון בויען דאָס לאַנד און באַפרייען אונזער פאָלק. מיר פילן ניט קיין נקמה צום אַראַבישן פאָלק און מיר זיינען זיכער, אַז אונזער אַרבעט וועט אויך אים ברייגגען גליק. און איצט הערט די רעזאָלוציע :

מיר, טויזנטער אידישע אַרבעטער פון ניו יאָרק, פאַרזאַמלט זונטיק, דעם 22טן סעפּטעמבער, אין גרענד סענטראַל אָפּערא הויז, שיקן אַ ברידערלאַכן גרוס דער אידישער אַרבעטערשאַפט און דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל.

אין דער איצטיקער שווערער שעה פאַר אונזער גאַנץ פאָלק, שטרעקן מיר אייך אויס אונזער ברידער־האַנט און דריקן אויס אונזער באַגייסטערטע באַוואונדערונג פאַר אייער העלדישן ווידערשטאַנד אין די לעצטע בלוטיקע פּאַסירונגען.

מיר זיינען מיט אייך און וועלן שטיין מיט אייך אין דער גרויסער און הייליקער אַרבעט און זיכער זיינען מיר, אַז איר וועט אויסהאַלטן דעם גרויסן נסיון און וועט אַרויס שטאַרקער פון דער איצטיקער שווערער צייט.

זעצט פאָר די גרויסע אַרבעט פון אונזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. די אַרבעט, וואָס וועט ברייגגען גליק דעם גאַנצן אידישן פאָלק און די אַרבעטנדע מאַסן פון אַראַבישן פאָלק.

זייט געגריסט און געבענשט ברידער, העלדן און קעמפער!

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען אונטער דונערנדע אַפּלאָדיסמענטן.

(ענדע)

צו גרעסערע מעשים!

די בלוטיגע געשעהנישען אין ארץ ישראל האָבען אַרויסגערופען אַ שטראָם פון ענערגיע און מערקווירדיגער גבורה אין די רייהען פון **אונזערע פּיאָנערען און ארבייטער קעמפער.**

דער זעלבער שטראָם מוז איצט אנטקעגענקומען פון אַמעריקע.

אונזער ענטפער דאַרף זיין:

מאָביליזירען די אַרבייטער מאַסען פון אמעריקע ארום אונזער אוואנגארד אין ארץ ישראל!

100 טויזענד בייסטייערער אין קומענדען יאָהר!

א גרעסערער און נאָך מער ערפאָלגרייכער געווערקשאַפטען קאַמפּיין אין 1929-1930!

שטעלט זיך אין די רייהען!

מאַכט זיך גרייט צו ארבייט און אחריות!

נאַציאָנאַלער אַרבייטער קאָמיטעט פאַר די אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל

א. שיפּליאַקאָף, פאָרזיצענדער — **א. העמלין**, סעקרעטאר

ווערט אַ מיטגליד אין

אידיש נאַציאָנאַלען ארבעטער פארבאנד

דער פארבאַנד איז אַ זיכערער אידישער קאָאָפּעראַטיווער ארבעטער-אָרדן

דער פארבאנד

גיט זיינע מיטגלידער די בעסטע פאַרזיכערונג פאַר די מינימאַלסטע קאָסטן: פאָליסים ביז $3,000 פאַר׳ן גאַנצן לעבן, 15 און 20 יאָריקע פאָליסים.

דער פארבאנד

גיט זיינע מיטגלידער קראַנקען-בענעפיט 20 דאָלאר אַ וואָך, געצאָלט 24 וואָכן אין יאָר; עקסטרא הונדערט דאָלאר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט.

הויפּט אפפיס

JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE

189 Second Avenue, New York, N. Y. **Phone Stuyvesant 3072-3073**